ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# ר' שמעון בן יוחאי
אידיש

**701**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# נִפְלָאוֹת הַקְּדוֹשִׁים

דא זענען בעשריבען אלע וואונדערליכע מעשיות פון דעם גרויסען בעריהמטען הייליגען און געטליכען תנא

# רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי

## מִיט זַיין חַבְרוּתָא.

ארויסגענומען פון זוהר הקדוש און פון פיעל מדרשים אלע וועלכע וואונדערליכע מעשיות וואס האבען זיך פערלאפען אין יענע צייטען ·

ווארשא

שנת תרע"א לפ"ק

נדפס מחדש בישראל, שנת תשכ"ח

# פארערע

ליעבע לעזער! איך גיעב אייך היינט א טהייערען אוצר, אז איהר וועלכעס פיעל זענען געוועזען שוין פון לאנג דורשטיג דאס צו זעהען, איך האב אלעס איבערגעזעצט אין א לייכטע, שפראך כדי עס זאל זיין לייכט צום ליינען פאר יעדער'ן. עס האט מיך פיעל מיהע געקאסט אידער איך האב דאס געבראכט אינ'ם פולען ארדנונג. אלזא פערהאף איך אז יעדער קלוגער מענטש וועט מיר שטארק דאנקבאר זיין פאר מיין ארבייט. יעדער לעזער וועט געוויס וויסען ווי צו שאצען דעם טהייערן אוצר און איהם אפצוגעבין אג'ארט אין זיין ספרים שראנק און איך פערהאף אז ער וועט אויך מיר א ביסעל דאנקבאר זיין.

הערויסגעבער

**ש. נ. ש.**

בווארשא "חיי לירת שבט" שנת "תרע"א" לפ"ק,

# אינהאלט


| № | | זייטע |
|---|---|---|
| — | אינהאלט | — |
| — | פאררעדע | — |
| 1 | די קרוינונג אינ'ם הימעל פון רבי אלעזר'ן | 5 |
| 2 | די מעשה פונ'ם געשטאלט | 6 |
| 3 | דער דור המבול | 6 |
| 4 | די בערג אררט | 6 |
| 5 | דאס וואונדערליכע קינד — אבא | 7 |
| 6 | דער פאטער מיט זיינע צוויי זוהן | 8 |
| 7 | די מעשה מיט דעם בעכער | 9 |
| 8 | דער סוד פון זיווג | 10 |
| 9 | דאס פעסעל וואס קלינגט אין האלבע נאכט | 10 |
| 10 | דער מלאך וויל חרוב מאכין די וועלט און רבי שמעון שטערט איהם | 11 |
| 11 | דער משפט פון די מתים אויף יענער וועלט | 12 |
| 12 | די קראנקהייט פון רבי אליעזר הגדול | — |
| 13 | וועגין תחית המתים | 14 |
| 14 | די שרעק פאר'ן יצר הרע | 12 |
| 15 | צו א חלום בעדייטענט עפעס | 15 |
| 16 | צוויי נסים צו איין מענטש | 15 |
| 17 | חזקיה האט זיך געטראפען מיט די חברותא | 16 |
| 18 | דער פינגעל וואס איז מגלה סודות ! | 17 |
| 19 | דאס קול פון א קבר | 18 |
| 20 | די וואונדערליכע הייל | 19 |
| 21 | די רויז | 21 |
| 22 | אנ'עוף אויף רבי אלעזר'ס קאפ | 21 |
| 23 | דער געפסול'טער | 22 |
| 24 | א כהן געהרגט דורך זיין חבר א כהן | 22 |
| 25 | א מענטש וואס איז ארויס פון א שפאלט פון א שטיין | 23 |
| 26 | דער מענטש מיט די קרייטעכער | 24 |
| 27 | די צוויי שטערען | 26 |
| 28 | די מגפה | 27 |
| 29 | אליהו הנביא | 28 |
| 30 | דער מלאך המות | 28 |
| 31 | אליהו הנביא מיט א שליחות פונ'ם הימעל צו רבי שמעון | 29 |
| 32 | דער מענטש מיט די צרעת אויפ'ן פנים | 30 |
| 33 | די הייל פון די מכשפים | 31 |
| 34 | א מעשה מיט א קבר וואס ס'האט געשטורעמט | 32 |
| 35 | דער יוד אלעזר מיט א פלעק אויפ'ן פנים | 33 |
| 36 | דער שלאנג וואס פערגיפטעט מענטשען | 35 |
| 37 | רבי יהודא מיט רבין שמעון שמועסין אין לערנען | 37 |
| 38 | א וואונדערליכע מעשה פון א יוד וואס ער איז געווארען רבי | 37 |

# אינהאלט


| № | | זייטע |
|---|---|---|
| 39 | דער אָרימער בעל צדקה | 38 |
| 40 | די הרי חושך | 40 |
| 41 | דאָס פנים פון רבי חזקיה תויבט אָן צו שײַנען | 41 |
| 42 | צוליעב וואָס דער צדיק ליידט אויף דער וועלט | 42 |
| 43 | רבי פנחס בן יאיר איז נאָכ'ן טוידט געקומען צו רבי אבא'ן און רבי יוסי | 43 |
| 44 | דאָס אייזיל וואָס האָט דערשפירט א פנים חדשות | 43 |
| 45 | דאָס ערד ציטערנעש | 44 |
| 46 | משנה מקום משנה מזל | 45 |
| 47 | דער יונגער מאַנן איז נתגלה געוואָרען | 45 |
| 48 | דער אָרימאַנן וואָס איז שיעור געשטאָרבען | 47 |
| 49 | רבי יצחק גיעט אַוועק אַנ'אָרימאַנן א האַלבען „מעה כסף" | 48 |
| 50 | די אראַבער | 49 |
| 51 | א קינד בעהט אויף זיין טוידטען טאַטען און דאָס גיבעהט ווערט אָנגענומען | 51 |
| 52 | די פויגלען פיהרען א בריעף צו רבי שמעונ'ן | 55 |
| 53 | דער מלאך המות וואַרט אויף רבי יצחק'ן און רבי שמעון הייסט איהם אַוועקגעהן | 56 |
| 54 | דער וואונדערליכער דאָקטער | 58 |
| 55 | די פטירה פון'ם גאָטליכען תנא רבי שמעון בן יוחאי ז"ל | 59 |
| 56 | די קראַנקהייט פון רבי אליעזר'ן | 63 |
| 57 | די קראַנקהייט פון רבי יוחנן בן זכאי | 64 |
| 58 | רבי עקיבא אין געפענגענעש | 65 |
| 59 | רבי חנינא האָט געבעטען אז דער רעגען זאָל נישט גיין און עס איז מקויים געוואָרען | 66 |
| 60 | די מעשה פון רבי נחום איש גם זו (זעהר וואונדערליך) | 66 |
| 61 | די וואונדער וואָס חוני המעגל האָט בעוויזען מיט א רעגען | 68 |
| 62 | געשלאָפען זיעבציג יאָהר | 69 |
| 63 | רבי ינאי האָט געיאָגט א שלאַנג | 70 |
| 64 | אין וועלכען זכות מען לעבט | 70 |
| 65 | רבי תנחומא האָט געבעהטען אויף רעגען | 71 |
| 66 | דער ויכוח פון די מטרוניתא מיט רבי יוסי'ן | 71 |
| 67 | א שלאַנג האָט פערגיפטעט א חתן אין דערצייט פון'ם „חתן מאָהל" | 72 |
| 68 | רבי חנניה איז מיט זיין תפלה מחיה דאָס וויב | 73 |
| 69 | א מעשה פון מדרש | 74 |

## 1.

# די קדושׁה אינ'ם הימעל פון רבי אלעזר'ן.

דער געטליכער תנא ר' שמעון בן יוחאי האט אמאהל געמאכט זעהר א גרויסע סעודה און ער האט אויף די סעודה פארבעטען די חכמי המשניות און פיעל תנאים. די שטוב וואו די סעודה איז געוועזען, איז געוועזען באדעקט מיט פיעל טהייערע פערפוציינג און די כלים זענען געוועזען זעהר שעהנע. אלע רבנים האט ער געזעצט ביי איין זייט טהיש און ער איז געזעסען ביי די צווייטע זייט טהיש, און ער איז געוועזען זעהר פרעהליך, האבען איהם די רבנים געפרעגט פארוואס ער איז עפים היינט מעהר פרעהליכער ווי אלע מאהל האט ער זיי געענטפערט אז צוליעב דעם איז ער היינט פרעהליכער ווי אנ'אנדער מאהל ווייל היינט נידערן אראפ די הייליגע נשמות אויף די ארבע כנפות החיות צו מיין זוהן רבי אלעזר און דאריבער בין איך היינט זעהר פרעהליך דען דאס איז ביי מיר די גרעסטע שמחה פון אלע שמחות. דערנאך האט ער געזעצט זיין זוהן ר' אלעזר נעבען זיך און האט צו איהם געזאגט: זעה מיין קינד דעם היינטיגען טאג וועסטו בעקומען איין הייליגע נשמה עליונה. — אזוי ווי רבי שמעון האט אויסגערעדט א ווארט אזוי איז די גאנצע שטוב ארומגענומען געווארען מיט א שטיק פייער, און ווי די רבנים האבען דאס פייער דערזעהן זענען זיי פון רבי שמעון'ס שטוב ארויסגעגאנגען, און א גאנצען טאג האבען זיי געזעהן ווי פון די שטוב געהט ארויס א שטארקער רויך. און די צייט וואס זיי זענען געשטאנען אין דרויסען איז אנגעקומען רבי יוסי ברבי שמעון בן לקוניא האט ער געזעהן ווי די חכמים שטעהן אין דרויסען און וואונדערן זיך האט ער זיי געפרעגט וואס דאס איז האבען זיי איהם געענטפערט אז דא פון רבי שמעון'ס שטוב געהט ארויס ארויך און דער רויך איז פון אש של מעלה (הימלישען פייער) און זיי האבען איהם דערצעהלט אז היינט קרוינט מען רבי אלעזר'ן מיט א הייליגע קרוין. אזוי ווי זיי שטעהן און שמועסען מיט רבי יוסי'ן זעהן זיי ווי עס איז פונ'ם הימעל אראפ פייער פליגעל פון דעם נשר של אש (פייערדיגען אדלער) און האט ארומגערינגעלט רבי שמעון מיט זיין זוהן רבי אלעזר'ן. רבי יוסי האט דארט זיך אזוי לאנג געזוימט ביז דאס פייער איז אוועק געגאנגען און נאכ'ן איז ער צוגעגאנגען צו רבי שמעון, רבי שמעון האט איהם געפרעגט וואס ער ברויך האט ער איהם געענטפערט אז ער וואלט גערן געגעבען זיין טאכטער פאר רבי אלעזר'ן, האט איהם רבי שמעון געענטפערט אז ער באשטייט דערויף אז עס זאל אזוי זיין און ער האט אריינגערופען די רבנים און ער האט פאר זיי א שידוך געטהוען מיט זיין זוהן רבי אלעזר. זיי אלע זענען דארטען געזעסען דריי טעג נאכאנאנד און האבען דארט געלערענט משניות, זיי האבען קיין איין סוד אין לערנען נישט אדורך געלאזט און רבי שמעון האט זיי אלטרינג געזאגט.

## 2.

## די מַעֲשֶׂה פוּנ׳ם גֶעשְׁטַאלְט.

רבי שמעון האט געזאגט אז אזוי ווי ער זאגט די ווערטער „סוד ד׳ ליראיו״ קומט א געשטאלט און פרעגט זיך: שמעון, שמעון וואס איז דאס? און נאכהער ווערט דאס געשטאלט פערהוילען און ער זעהט עם נישט מעהר. האט רבי שמעון געזאגט צו זיינע חברים אז ווייל דאס קול האט גערופען שמעון נישט—רבי שמעון איז א סימן אז דאס האט דער אייבערשטער גערופען און אצינד איז די צייט צו מגלה זיין (אנטפלעקען) גרויסע סודות אין דעם פסוק, און ער האט געזאגט אז ס׳איז בודאי קיינעם קיין רשות נישט געגעבען געווארען צו מגלה זיין, נאר—איהם און ער האט אנגעהויבען גרויסע סודות צו זאגען.

## 3.

## דֶער דוֹר הַמַבּוּל.

רבי חייא און רבי יהודא זענען געגאנגען אין וועג אריין און זענען צו געקומען צו גאנץ גרויסע בערג און האבען דארטען געזעהן גרויסע ביינער וואס די ביינער זענען נאך געלעגען פונ׳ם דור המבול, די ביינער זענען געוועזען אזוי גרויס אז זיי האבען אויף איין ביין געמאכט דריי הונדערט טריט, זיי האבען זיך זעהר שטארק געוואונדערט אויף דעם און האבען געזאגט אז דאריבער האבען די חכמים געזאגט אז דער „דור המבול״ האבען זיך פאר קיין דין ועונש נישט געשראקען אזוי ווי עס ווערט געבראכט אין איוב קאפיטל כ״ח דען די וואסער איז געקומען פון תהום האבען זיי מיט זייערע פיס צו געשטאפט דעם תהום (אבגרונד) ביז די וואסער איז ארויס געקומען גאנץ הייס דאס די פיס זייערע זענען זיי פארברענט געווארען דערפון און זיי זענען געפאלען און געשטארבען.

## 4

## די בֶּערְג אֲרָרָט.

רבי חייא מיט רבי יוסי זענען געגאנגען אין וועג זענען זיי ארויף געקומען אויף די בערג „אררט״ און זיי האבען דארטען געזעהן די סמנים פון „דור המבול״ האט רבי חייא געזאגט צו רבי יוסי אז די צייכען פונ׳ם דור המבול לאזט הקב״ה בלייבען

ביז לדורות כדי מען זאל זעהען אז זיירע חטאים (זינדען) ווערען נישט אפגימעקט פון דער ערד, דען אזוי איז דער סדר פון הקב"ה דאס זעלבע איז ביי די צדיקים אז זייער גערעכטיגקייט זאל בלייבען לדור דורות.

## 5.

## דאס וואונדערליכע קינד-אבא.

רבי חזקיה איז געגאנגען אין וועג פון די שטאדט קפוטקיא צו די שטאדט ... האט איהם אויפ'ן וועג באגעגענט רבי יוסי, זאגט רבי יוסי צו איהם איך וואונ... זעהר אויף דיר וואס דו געהסט אליין? מיר האבען דאך געלערנט אז א מענ... אליין נישט געהן אין וועג ארויין, האט איהם רבי חזקיה געענטפערט אז ער זאל איהם נישט חושד זיין ווייל ס'וועט באלד צו איהם קומען א יונגעל האט איהם רבי יוסי ווידער אנגעפרעגט און איהם געזאגט אז אויף דעם איז איהם נאך מעהר וואונדער אז ער זאל געהן אין וועג ארויין מיט אזוי א מענטש וואס מען קאן מיט איהם נישט עוסק זיין אין לערנען: מיר האבען דאך געלערנט ווער עס געהט אין וועג און איז נישט עוסק אין לערנען איז ער אין א סכנה? — יא, דאס איז ריכטיג אזוי — האט איהם רבי חזקיה געענטפערט. אזוי ווי זיי שמועסען קומט צוגעהן דאס יונגעל פרעגט רבי יוסי דעם יונגעל פון וועלכע שטאדט ער איז האט ער געענטפערט אז ער איז פון די שטאדט לוד און אזוי ווי איך האב געהערט אז דער תלמוד חכם געהט אהין אזוי האב איך מיך אנגעבריים מיט איהם צוגעהן און צו באדינען איהם. זאגט ווידער רבי יוסי צום יונגעל: מיין קינד צו קאנסטו עפיס לערנען? ענטפערט דאס יונגעל: איך קען יא א ביסעל איך געדענק ווען מיין פאטער האט מיט מיר געלערנט פרשת הקרבנות און אז ער האט געלערנט מיט מיין עלטער'ן ברודער האב איך אויך צוגעהערט. אזוי — זאגט רבי יוסי צו איהם — זאג-זשע מיר עפיס פון דעם וואס דו האסט געלערנט? האט דער יונגעל איהם אנגעהויבען צו מגלה זיין גרויסע סודות פאר גרויס שמחה האט רבי יוסי דעם יונגעל אנגעהויבען קושען און האט צו איהם געזאגט: פיעל גוטעס איז געווען ביי דיר פון וואס איך אליין האב דערפון נישט געוואוסט און דאריבער וועל איך שוין מיין וועג אהן דיר נישט געהן, בעוויל דער וועג איז מיט דער שכינה אנגעבריים פאר אונז. און ער האט איהם אנגענומען פאר די האנד און זענען אין וועג אריין געגאנגען, אין מיטען וועג האט ער איהם געפרעגט וואס זיין פאטער האט עפיס אויפגעטהוען הידושים אין לערנען האט דאס יונגעל אנגעהויבען צו זאגען גרויסע סודות אויפ'ן פסוק „ישקני מנשיקות פיהו" — רבי יוסי האט איהם געפרעגט ווי דער נאמען זיינער איז האט ער געענטפערט — אבא, אזוי — זאגט רבי יוסי, אבא איז טייטש — פאטער. און ער האט איהם געבענשט אז ער זאל זיין א פאטער אין דער חכמה און מיט לאנגע יאהרען:

## 6.

# דער פאטער מיט זיינע צוויי זיהן.

רבי יצחק איז א מאהל געזעסען אין וועג, דערווייל האט ער געזעהן א דורך-געהן איין מענטש מיט צוויי קינדער, און ווי דאס האט אויסגעזעהען האט דער מענטש געוואלט זיין דער פאטער פון די קינדער. אזוי ווי זיי געהן הערט רבי יצחק ווי איינער צום צווייטען זאגט: „די וועלט וואלט נישט געקענט האבען קיין קיום ווען נישט דער ווינד“ וואס ער איז אונז מגלה גרויסע סודות, רבי יצחק האט דאס דערהערט איז ער צו זיי געהנטער צוגעגאנגען און זאגט צו זיי; ביי איך איז דא אזעלכע גרויסע סודות און איך זאל מיט איך נישט געהן? ענטפערן זיי איהם: די געה דיר דיין וועג און מיר — אונזער וועג בעווייל מיר מוזען איילען אין שטאדט אריין אויף דער חתונה פון איינעם פון אונז. רבי יצחק איז פון זיי אוועק, געגאנגען און ער איז געקומען צום תנא רבי שמעון און ער האט איהם דערצעהלט פיעל הויבע סודות פון זיי. רבי שמעון הערענדיג די אלע סודות האט געענטפערט צו רבי יצחק: זיי האבען אלסדינג גאנץ ריכטיג געזאגט, און דאס וואס זיי האבען געזאגט האבען זיי מקבל געוועזען פון זייער זיידען רבי צדוק חלשא, זייער זיידען האט מען גערופען רבי צדוק חלשא צוליעב דעם וואס ער האט געפאסט פירציג יאהר, און דאריבער האט מען איהם גערופען חלשא דאס איז טייטש שלאפער וויל ער האט גע-פאסט אז ירושלים זאל נישט חרוב ווערען, ער האט מפורש געוועזען גרויסע סודות אין די תורה און האט עס איבערגעגעבען צו זיינע קינדער. — אין א קליינער צייט ארום האט רבי יצחק ווידער זיך געטראפען מיט יענע מענטשען וואס האט געפיהרט צוויי קינדער, נאר דאס מאהל נישט מיט צוויי נאר מיט איין קינד. רבי יצחק פרעגט איהם: ווי איז דער צווייטער? דעם צווייטען האב איך חתונה גע-מאכט — איז געוועזען זיין ענטפער — און יעצט איז ער אין שטאדט ביי זיין שווער. נאכהער ווי זיי האבען זיך געגעבען צום דערקענען פרעגט איהם רבי יצחק פארוואס ער האט איהם אויף די חתונה נישט געבעטען, האט ער איהם געענטפערט: דא אויפ׳ן ארט שווער איך אז איך האב דיך אויף די חתונה נים געבעטען צוליעב דריי טעמים: ערשטענס: איך האב דיך נישט געקאנט און טאמער ביזטו א גרוי-סער מאן וואס איך וועל דיר נישט קענען אבגעבען דיין כבוד ווי געהעריג איז; צווייטענס: מיר האבען זיך געאיילט אין וועג דאריבער האב איך דיך נישט געוואלט מטריח זיין און דריטענס: כדי דו זאלסט חלילה נישט בלייבען פארשעמט, וויל ביי אונז איז א מאדע אז אויף די חתונה גיעט יעדער איינציגער פערשידענע מתנות צו חתן כלה און טאמער האסטו נישט זאלסטו נישט פארשעמט בלייבען. האט איהם רבי יצחק געענטפערט: השי״ת זאל דיך אויך אזוי דן זיין לכף זכות און אויף רבי יצחק׳ס פראגע ווי ער הייסט האט ער געענטפערט אז ער הייסט „צדוק זוטא“ (דער קליינער צדוק) — אין דיעזע צייט וואס ער האט מיט איהם גערעדט האט ער פון איהם אפגעלערנט דרייצעהן סודות און פון זיינע זיהן — דריי.

## 7.

# די מעשה מיט דעם בעכער.

רבי אבא אז ער איז געקומען קיין „ארץ ישראל" האט ער אויסגערופען אז ווער עס וויל לאנג לעבען און זיין א עושר זאל קומען צו איהם און ער וועט מיט איהם תורה לערנען וועט ער פאר די תורה לערנען אלעדינג בעקומען. צווישען די מענטשען וואס זענען צו איהם געקומען איז געוועזען איינער א נ׳ עם הארץ וואס ער האט צו איהם געזאגט אז ער וויל טהוען אלע מיני התפעלות און זיך שטארק מיה געבען תורה צולערנען אבי א עושר צו ווערען. רבי אבא האט איהם געזאגט אז ער זאל תורה לערנען וועט ער ווערען איין עושר און ער האט איהם געפרעגט ווי ער הייסט האט ער געענטפערט אז ער הייסט — יוסי, רבי אבא האט איהם אריינגעשיקט צו זיינע תלמידים אז זיי זאלען מיט איהם תורה לערנען און זאלען איהם רופען: „יוסי דער האר פון רייכטהום און עהרע" — ער איז טאקי געזעסען און האט געלערענט און איינמאהל איז ער געקומען צו רבי אבא און זאגט צו איהם: רבי וואו איז מיין רייכטהום? איהר האט דאך מיר צוגעזאגט — רייכטהום פונ׳ם לערנען! רבי אבא האט זיך שטארק געוואונדערט דערויף און זאגט אז פון די ווערטער איז נעדרינגען אז ער לערנט תורה, שלא לשמה. רבי אבא איז פון איהם אוועק געגאנגען אין א באזונדער צימער און האט אויף איהם געוואלט מתפלל זיין אז ער זאל שטארבען דערווייל האט ער דערהערט ווי א בת קול שרייעט צו איהם, „זיי נישט מעניש (שטראף נישט) בעוויל ער וועט זיין א גרויסער למדן און א צדיק" דאס דערהערנדיג איז צוריק פונ׳ם צימער ארויס געגאנגען און צו איהם צוגעגאנגען און ער האט געזאגט: מיין קינד לער׳ן וועל איך דיר געבען רייכטהום. דערווייל איז צו רבי אבא׳ן צו געקומען א מענטש און האט געהאלטען א באכער פון גין-גאלד אין דער האנד און ארויס נעמענדיג דעם בעכער רבי אבא׳ן צו ווייזען איז די שטוב פיעל געווארען מיט ליכטיגקייט, און דער מענטש האט צו רבי אבא׳ן געזאגט: רבי איך וויל זוכה זיין צו תורה נאר איך האב שוין אזוי לאנג נישט געלערנט על כן וויל איך איינעם אוועק געבען דעם בעכער אז ער זאל פאר מיר תורה לערנען, דער בעכער איז זייער איין טהייערער, איך האב גענומען בירושה פון מיין פאטער פון זיין גרויסען אוצר, ער האט געהאט אויף זיין טיש אזעלכע — דרייצעהן. רבי אבא האט דעם בעכער גענומען און אוועק געגעבען צו רבי יוסי׳ן און האט צו איהם געזאגט: נעם דעם בעכער און לערען תורה, רבי יוסי האט צוגענומען דעם בעכער און ער האט זיך געזעצט תורה לערנען. איינמאהל האט רבי יוסי געקריגען גרויס חשק (לוסט.) צום לערנען און פון גרויס ליעבשאפט האט ער אנגעהויבען צו וויינען. ווי רבי אבא האט איהם געזעהן וויינען פרעגט ער איהם וואס ער וויינט, רבי — איז געוועזען זיין ענטפער — דארום וויין איך ווייל איך בין געוועזען אזוי פערנארט און האב אוועק געגעבען עולם הבא פאר עולם הזה און איך וויל נישט דיעזען בעכער און ער האט איהם אוועק געגעבען צו רבי אבא׳ן. רבי אבא — דאס דערהערנדיג — האט צו זיך געזאגט: „יעצט זעה איך אז ער לערנט שוין יא תורה לשמה" און ער

האט דעם בעכער צוריק געגעבען צו דעם וואס האט איהם פריהער געבראכט און האט צו איהם געזאגט אז ער זאל דעם בעכער פארקויפען און פאר דעם געלד וואס ער וועט בעקומען פאר'ן בעכער זאל ער איהם צוטהיילען פאר ארימע לייט, און ער האט איהם צו געזאגט צו געבען א חלק אין דער תורה. פון דאמאלס אן האט מען רבי יוסי'ן גערופען „רבי יוסי בן פזי" צוליעב דעם בעכער פון זיין געלד וואס יוערט אנגערופען — פז, רבי יוסי בן פזי מיט זיינע אלע קינדער זיינען געווען גרויסע תלמידי חכמים און זעהר גרויסע צדיקים.

## 8.

## דער סוד פון זיווג.

רבי יהודא האט געשיקט צו רבי אלעזר'ן פרעגען דעם סוד פון נשמות בזה הלשון: דעם סוד פון נשמות ווייס איך נאר דאס איינע איז מיר קשה: דער וואס האט שוין געהאט איינמאהל זיין זיווג וואו נעמט ער ווידער? האט רבי אלעזר גע-ענטפערט צו רבי יהודא'ן אז עס שטייט (אין שופטים קאפיטל כ"ח) ביי די בני בנימין (בנימין'ס קינדער) וואו וועלען די איבערגעבליבענע נעמען ווייבער? נאר באבדעם שטייט: „און זיי האבען געחאפט פון די, וועלכע זיי האבען נאר געוואלט" אזוי דא אויך ביי זיי איז געזאגט געווארען „טאמער וועט אנ'אנדערער צונעמען מיט תפילות און בקשות" און דארום איז דאס טאקי ביים איבערשטען שווער ווי קריעת ים סוף (והבן).

## 9.

## דאס פעסיל וואס קלינגט אין האלבע נאכט.

רבי אבא איז געגאנגען פון די שטאדט „טבריא" צו די שטאדט „טרוניא" צו זיין שווער, און מיט איהם איז מיטגעגאנגען רבי יעקב בר רב. אין מיטען וועג ביים דארף „טרשא" זענען זיי אריינגעגאנגען זיך אפרוהען צו א דארטיגען בעל הבית. רבי אבא האט געפרעגט דעם בעל הבית צו ביי איהם אין שטוב איז פערהאנען א האהן, האט דער בעל הבית איהם געפרעגט צו וואס ער בעדארף עפיס א האהן האט ער געענטפערט: בעוויייל דער האהן זאל מיך אויפוועקען אין האלבע נאכט צום לערנען. אזוי — זאגט דער בעל הבית — צו דעם האב איך א בעסער מיטעל ווי א האהן! איך נעם אט דאס פעסעל און איך גיס עס אן פיעל מיט וואסער, אונטען איז דא א קראן פון וועלכען דאס וואסער גיסט זיך צוריק ארויס טראפען ווייז און נאכהער אז דאס פעסעל ווערט לעדיג — דאס איז פונקט אין מיטען דער נאכט —

הויבט דאָס פעסיל אָן זיך צו דרייען פונקט ווי אַ ראָד און עס הייבט אָן קלונגען אַז מען האָרכט עס אין גאַנצען „הויו, איהר וועט אודאי פרעגען פון וואַנען איך בין דאָס דאָזיגע דערגאַנגען טאָ הערטושע, אוים: ביי מיר איז געוועזען אַנ׳אַלטער מאַן וואָס פלעגט שטענדיג זיך אויף הויבען אין האַלבע נאַכט האָט ער זיך דאָס דאָזיגע געמאַכט צו זיין געברויך און דאָס איז זעהר פּראַקטיש. רבי אבא האָט געלויבט השי״ת וואָס איהם איז אויסגעקומען אונטער אַזאַ וואויל געלעגענהייט אויף איבערנאַכטיגען די נאַכט. אין מיטען האַלבע נאַכט ווען רבי אבא מיט רבי יעקב זענען געשלאָפען האָט דאָס פעסיל זיך אָנגעהויבען דרייען און קלינגען און פון קול זענען אויפגעקומען רבי אבא מיט רבי יעקב, זיי האָבען זיך געזעצט לערנען, אין מיטען האָבען זיי געהאָרכט ווי דער בעל הבית מיט זיינע דריי קינדער זיצען און לערנען און זאָגען גרויסע סודות אויף דעם פסוק „חצות לילה אקום להודות לך״ (אין האַלבע נאַכט וועל איך אויף שטעהן דיר לויבען) האָט רבי אבא געזאָגט צו רבי יעקב אַז היינט וועלען זיי זיך באַהעפטען מיט כביכול די שכינה. זיי זענען אַריינגעגאַנגען צום בעל הבית און האָבען צו איהם געזאָגט אַז ער האָט זעהר וואוילע סודות געזאָגט נאָר זיי ווילען וויסען פון וועמען ער האָט דאָס געהערט, האָט ער זיי געענטפערט אַז דאָס האָט ער אויך פונ׳ם אַלטען יודען געהאָרכט און ער האָט געהאַלטען אין איין סודות זאָגען. רבי אבא איז פון זיין אָרט אויפגעשטאַנען און ער האָט איהם געקושט און ער האָט געזאָגט „געלויבט איז השי״ת וואָס האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט די זעלבע סודות זענען פאַר רבי שמעון אויך געזאָגט געוואָרען״. דער בעל הבית האָט נאָך אַלץ ווייטער געזאָגט גרויסע סודות. רבי אבא איז פון זיין אָרט ווידער אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט: איך האָב געמיינט אַז די חכמה איז נאָר פאַרהאַנען בלויז ביי די גרויסע מענטשען און יעצט זעה איך אַז אויך ביי קלענערע מענטשען איז זי דאָ און אפילו ביי די קינדער וואָס זענען ערצויגען געוואָרען אינ׳ם דור פון רבי שמעון, וויי איז צו דעם דור וואָס רבי שמעון וועט אוועק גערן פון זיי. רבי אבא האָט זיינע הענד אויפ׳ן בעל הבית׳ס קאָפּ אַרויף געלייגט און ער האָט איהם געבענשט, נאָכהער האָבען זיי זיך ווידער געזעצט לערנען ביז אין טאָג אַריין.

## 10.

## דער מלאך וויל חרוב מאַכען די וועלט און רבי שמעון שטערט איהם.

רבי שמעון איז אַ מאָהל אַרוים געגאַנגען אין גאַס האָט ער דערזעהן ווי אַ גרויסע פינסטערניש קומט אָן אויף דער וועלט האָט ער געזאָגט צו זיין זוהן רבי אלעזר קום לאָמיר זעהען וואָס השי״ת וויל דאָ עפּיס טהוען אויף דער וועלט, אַזוי ווי זיי געהן אין גאַס זעהען זיי אַ מלאך וואָס די גרויס זיינע איז ווי אַ גרויסער באַרג און פון זיין מויל גייט אַרויס אַ פלאַם פייער. רבי שמעון פרעגט איהם וואָס ווילסטו דאָ עפּיס טהוען? ענטפערט ער אַז ער איז געקומען חרוב מאַכען די וועלט ווייל אין דעם דור איז נישט דאָ קיין דרייסיג (30) צדיקים, וואָרום השי״ת האָט געזאָגט צו

אברהם'ן אז ס'מוז זיין אין יעדען דור דרייסיג צדיקים (מטעם ואברהם היו יהיה, יהי"ה בג' ל. איטתי יהי' לגוי גדול בזמן שתהי' ל' צדיקים בכל דור ודו"ק) זאגט רבי שמעון צום מלאך איך בעהט דיך אז דו זאלסט געהן צו השי"ת און איהם זאגען אז איך יוחאי'ס זוהן בין דא איז שוין גענוג, דער מלאך איז נעגאנגען און האט דאס אין הימעל געזאגט נאר השי"ת האט צו איהם געזאגט געה און מאך חרוב די וועלט און קוק נישט אויף דעם וואס יוחאי'ס זוהן האט צו דיר געזאגט, דער מלאך איז ווידער אראפ געקומען אויף דער וועלט. רבי שמעון — ווי ער האט איהם נאכאמאהל דערזעהן — האט צו איהם געזאגט: אויב די וועסט נישט אוועקגעהן וועל איך אויף דיר גוזר זיין אז די זאלסט נישט אריין קומען אין הימעל אריין און זאלסט קומען אויפ'ן ארט וואו עז"א ועזא"ל זענען דאריבער זאג איך דיר נאכאמאהל: געה צוריק ארויף אין הימעל אריין און זאגען צו הקב"ה אז אויב עס איז ניטא דרייסיג צדיקים איז גענוג — צוואנציג, אזוי ווי ביי אברהם'ן שטייט, און אויב עס איז נישטא קיין צוואנציג איז גענוג — צעהן און אויב עס איז קיין צעהן אויך נישטא איז גענוג איך, מיט מיין זוהן אלעזר אזוי ווי עס שטייט דורך צוויי עדות זאל בלייבען שטעהן די וועלט וואס זי ווערט אנגערופען — דבר, און אז קיין צוויי איז אויך נישטא איז גענוג איך אליין בין דא, איך בין „צדיק יסוד עולם" דער צדיק איז דער פונדאמענט דער וועלט. אין די צייט וואס רבי שמעון האט דאס אלסדינג צום מלאך גערעדט איז אראפ א „בת קול" פונ'ם הימעל און האט אויסגעשריען: „וואויל איז צו דיר רבי שמעון דאס השי"ת איז גוזר א גזירה און דו ביזט זי מבטל".

## 11.

# דער מִשְׁפָּט פון דִי מֵתִים אויף יֶענֶער וֶועלְט.

רבי יצחק און רבי יהודא זענען געגאנגען אין וועג, זאגט רבי יהודא דער דין וואס דער אויבעשטער האט געטהוען אינ'ם דור המבול און אין סדום דאס איז געוועזען א דין של גהינם. די רשעים פונ'ם גהינם ווערען אויך געמשפט מיט פייער און וואסער, ווארום פריהער ווערען די רשעים אין גהינם געמשפט צוועלף חדשים דארטען ווערען זיי געלייטערט און דערנאך ברענגט הקב"ה די צדיקים זיי זאלען שטעהן פאר די טהיר פון גהינם זיי זא'יין זעהן זייער דין, די צדיקים בעהטען פאר זיי פון וואס דער אויבעשטער קריגט אויף זיי רחמנות און ברענגט זיי אויף זייער ארט וואו זיי געבריווכען צו זיין און פון דעם טאג־אן האט שוין דער גוף (קערפער) מנוחה אינ'ם קבר און די נשמה קומט אויף איהר ארט.

## 12.

# דִי קְרַאנְקְהֵייט פון רַבִּי אֶלִיעֶזֶר הַגָּדוֹל.

רבי אליעזר הגדול איז קראנק געווארען אום פרייטאג, און זיין זוהן הורקינוס

איז געזעסען נעבען איהם און רבי אליעזר (דער פאטער זיינער האט איהם מגלה געוועזען גרויסע סודות נאר דער זוהן האט זיי נישט געוואלט מקבל זיין ווייל ער האט געמיינט אז דער פאטער איז נישט קלאר אין דעם וואס ער זאגט. דערנאך ווי ער האט אדער געזעהן אז דער פאטער זיינער איז טאקי יא קלאהר האט ער פון איהם מקבל געוועזען הונדערט-איינ-און-אכציג סודות פון די תורה און אז רבי אליעזר איז געקומען צו מגלה זיין דעם סוד פון „אבני שיש טהור" האט ער אנגע-הויבען צו וויינען און האט צו זיין זוהן הורקינוס געזאגט: „הער-צו מיין זוהן איך זעה אז אויך דו ועסט געשווינד אוועק-גיין פון דער וועלט". דערווייל זענען אריינגעקומען די „חכמי הדור" צו מבקר זיין איהם. ער ווי ער האט זיי געזעהן האט זיי אנגע-הויבען שעלטען פארוואס זיי זענען ביז יעצט צו איהם נישט געקומען איהם צו משמש זיין, דען ס'שטייט דאך בפירוש „ווער עס איז משמש א תלמיד חכם איז גרעסער ווי ער לערינט מיט איהם. בינו לבינו איז רבי עקיבא אנגעקומען פרעגט ער איהם „עקיבא וואס ביזטו ביז איצטער נישט געקומען? האט רבי עקיבא געענטפערט: רבי, איך האב קיין צייט נישט געהאט", אזוי — זאגט רבי אליעזר הגדול צו איהם — איך וואונדער מיך צו די וועסט שטארבען מיט דיין טוידט און ער האט איהם גע-שאלטין אז זיין טוידט זאל זיין ערגער פון אלע. רבי עקיבא האט זעהר שטארק אנגעהויבען וויינען און האט איהם געבעטען אז ער זאל מיט איהם תורה לערנען, און רבי אליעזר הגדול האט אנגעהויבען זאגען „מעשה מרכבה" איז אראפ א פייער און ס'האט זיי ביידע ארום גערינגעלט. ווי די אנדערע חכמים האבען דאס דערזעהען האבען זיי געזאגט אז פון דאנען איז געדרונגען אז מיר זענען נישט ווערט צו הערען די סודות התורה און זיי זענען ארויס געגאנגען. רבי אליעזר האט — דורך די צייט וואס זיי זענען געוועזען אין דרויסען — מגלה געוועזען צו רבי עקיבא גרויסע סודות און חידושים, דאס פייער איז דערווייל אוועק געגאנגען און ער האט מיט איהם גע-לערנט אין איין זאך דריי הונדערט הלכות און ער האט מיט איהם געלערענט די טעמים פון שיר השירים און רבי עקיבא האט ווידער אנגעהויבען צו וויינען. דאס פייער איז ווידער אנגעקומען און האט זיי ווידער ארום געריינגעלט. זיי האבען נאך אלץ געלערנט שיר השירים און ווי זיי זענען געקומען צום פסוק „סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני" האט זיך רבי עקיבא נישט געקאנט איינהאלטען און ער האט אנגעהויבען זעהר שטארק וויינען און שרייען און ער האט נישט געקאנט רעדען צוליעב די מורא פאר דער שכינה וואס זי איז דארט געוועזען. רבי אליעזר האט מיט איהם געלערענט אלע סודות פון שיר השירים און שמות, און ער האט איהם באשוואוירען אז ער זאל מיט זיי (מיט די שמות) נישט בענוצען, כדי דער אויבעשטער זאל חס ושלום נישט חרוב מאכען די וועלט צוליעב די קדושה וואס איז דא אין שיר השירים. רבי עקיבא האט אנגעהויבען פון איהם צו ארויס-געהן מיט א געשריי און א געוואלד „וויי איז צו די וועלט וואס זיי אלע וועלען בלייבען א יתום נאך דיר". די חכמים זענען צוריק אריין געגאנגען צו רבי אליעזר'ן, יעדער האט עפיס געפרעגט און ער האט אלעם פארענטפערט. אז ער איז געווארען א גוסס האט ער זיינע ביידע הענד אויפ'ן הארצען ארויף געלייגט און האט געזאגט: „וויי איז צו דיר, וועלט, וואס איך גיי אוועק פון דיר. אלע הימלישע ליכטיגקייט און לויטערקייט געהן אוועק פון דיר,

וועלט, ווי צו דיר. ווי צו איך צווי הענד וואס איהרי יעקנם צווי תורות און איהר וועט פארגעסען ווערען פון די וועלט". — נאכהער האט ער ווייטער געזאגט: די תורה וואס איך האב געלערענט פון מיינע רבנים און דאס וואס איך האב אליין "פערשטאנען איז אויך אזוי פיעל! אז, ווען אלע מענשען אין דער וועלט וואלען זיין שרייבער וואלטען זיי דאס נישט געקענט אויפשרייבען. און מיינע תלמידים — האט ער ווייטער געזאגט — האבען פון מיר נישט מחסר געוועזען נאר אויף אזוי פיעל ווי מען טהוט אריין פארב אין איין אויג און איך פון מיינע רביים האב מחסר געוועזען, אזוי ווי איינער טרונקט אפ פונ'ם ים. די חכמים האבען איהם, נאכ'ן, ווידער געפרעגט שאלות, זיי האבען איהם געפרעגט א דין פון חליצה, האט ער זיי אין דארין געזאגט גרויסע סודות און האט אויסגעשריען — טהור. זאגענדיג דאס ווארט "טהור" איז ביי איהם די הייליגע נשמה ארוים געגאנגען און רבי עקיבא איז בעת מעשה נישט געוועזען דערביי. נאך שבת ווי רבי עקיבא איז נאר געוואהר געווארען דערפון, האט ער זיינע קליידער צוריסען, און ער האט צוריסען זיין פלייש און ער האט געזאגט מיט א געשריי: הימלען, הימלען זאגט צו דער זון און צו דער לבנה אז, די ליכט וואס האט מעהר פון זיי געלייכטעט איז פינסטער געווארען. — רבי יצחק האט געזאגט אז אלע טאג וואס רבי אליעזר הגדול האט געלעבט, האט די תורה געלויכטען אזוי ווי אינ'ם טאג וואס זי איז געגעבען געווארען אויפ'ן בארג־סיני. — רבי יהודא זאגט אז אין די צייט וואס די נשמה ברויך פונ'ם צדיק צו ארויס געהן, איז דאס א פריידע פאר איהם, ווייל ער איז פארזיכערט אז ער וועט בעקומען גרויס שכר אזוי ווי דער פסוק זאגט: די נשמה דערזעהט די שכינה לויפט זי ארויס פונ'ם גוף, און לויפט אנטקעגען, די שכינה, און בוקט זיך פאר איהר.

## 13.

## וועגען תחית המתים.

רבי יעקב זאגט אז די רשעים פון די יודען וואס האבען מחלל שבת געוועזען עפענטליך (בפרהסיא) און האבען געלייקענט אין תורה און אין תחיית המתים, די, געהן אינ'ם גיהנם אריין און ווערען דארט געמשפט לדורות. אבער צו תחיית המתים וועלען זיי אויך אויפשטעהן.

## 14.

## די שרעק פאר'ן יצר הרע.

רבי יוסי איז אמאהל געגאנגען אין וועג האט ער געזעהן (אויפ'ן וועג קיין בבל)

ווי שעהנע בחורים נעהן בעזאמען מיט שעהנע ווייבער, האט ער זיי געפרעגט צו זיי קלערען גאר נישט טאמער וועלען זיי חס ושלום נעשטראכילט ווערען פונ'ם יצר הרע און ער וועט זיי אנרעדען, צו זינדיגען, האבען זיי איהם געענטפערט, ווייל זיי קומען נישט ארויס פון קיין שלעכטע מחשבות (געדאנקען) נאר פון קדושה דאריבער האבען זיי פאר'ן יצר הרע נישט קיין מורא, ווייל אויך רבי יהודא האט געזאגט אויף דעם פסוק „והתקדישתם והייתם קדוש" אז דער וואס איז זיך מקדש בעת הזיווג קומען פון איהם ארויס גוטע קינדער, און זיי האבען פאר דעם יצר הרע נישט קיין מורא. נאך האט ער געזאגט; אז ווען איינער געהט אין וועג און ער דערזעהט שענע ווייבער און ער האט מורא פאר'ן יצר הרע, זאל ער זיינע אויגען אפקעהרען אין א זייט און ער זאל זאגען: .ס"ך טפא"ן אגז"ר אגז"ר נ"א נרי"ד נ"א חקי"ל פו"ק פו"ק דאבו"י קדיש"א דשבת"א הו"א וועט ער ניצול ווערען.

## 15.

## א חלום בעדייטעט עפיס.

רבי חייא און רבי יוסי זענען געוועזען ביי רבי שמעון, זאגט רבי חייא: מיר האבען געלערענט אז אזא חלום וואס מען איז איהם נישט פותר איז גלייך צו א בריעף וואס מען לייענט איהם נישט אדורך. דארויף פרעג איך צו דער חלום ווערט נישט מקוים, צו ווערט ער יא מקוים נאר ער ווייסט נישט? ער ווערט יא מקוים נאר דער מענטש ווייסט נישט — האט רבי שמעון געענטפערט -- בעווייל עס ווערט יעדער זאך פריהער אויבען אין הימעל אויסגערופען. עס איז נישט פערהאנען קיין איין זאך אין דער וועלט וואס זאל נישט זיין אבהייננגיג אין א חלום אדער אין א כרוז, אזוי ווי עס שטייט השי"ת טהוט נישט פריהער די זאך ביז וואנען ער רופט עס אויס — אויבען און פון אויבען צושפרייט זיך עס צו די נביאים און אז עס איז נישטא קיין נביאים, איז צו די — חכמים; און אז קיין חכמים זענען אויך נישטא, ווייסט מען עס דורך א חלום; און אויב דער חלום איז אויך נישט איז דורך די פויגעל פון הימעל.

## 16.

## צוויי נסים צו איין מענטש.

רבי אבא איז א מאהל געזעסען נעבען טויער פון די שטאדט — לוד, און ער האט געזעהן ווי א מענטש וואס איז געוועזען זעהר מיד האט זיך אריינגעזעצט אין

אַ גרוּבּעל פוּן אַ שטיין, און וויַיל דער מענטש איז געוועזען זעהר מיעד איז ער בּאַלד איינגעשלאָפען. פלוּצלינג האָט רבי אבא דערזעהן ווי אַ שלאַנג קריכט אַרויף אויף דעם שלאָפענדען מענטשענס קערפּער און בּאותו הרגע וואָס דער שלאַנג האָט געוואָלט זיך נעהנטער צו רוּקען האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייַגעל און דאָס צווייַגעל איז אַרויף אויפ'ן שלאַנג און האָט איהם געהרגת אויפ'ן אָרט, דער מענטש האָט זיך פוּן זיין שלאָף אויף געכאַפּט, ער טהוט אַ קוּק, אַ געהרג'טער שלאַנג ליגט איהם אויפ'ן קערפּער! ער זעצט זיך אויף און וויל פוּן זיך דעם שלאַנג אַראָפּ שאָקלען. און בּאותו הרגע וואָס ער האָט זיך אויפגעזעצט האָט זיך אַ בּוים אונטער איהם איינגעבּראָכען, און ווען ער וואָלט זיך נישט אויפגעזעצט וואָלט דער בּוים, איהם צוּם טויט געבּראַכט. דאָ איז איהם געשעהן צוויי נסים וואָרוּם דער שלאַנג האָט דאָך איהם אויך שיעור געקאָנט טוידטען ווען נישט דער נס וואָס אַ צווייַגעל האָט איהם (דעם שלאַנג) דערהרג'ט. — רבי אבא איז צוגעגאַנגען צו דעם מענטש און האָט איהם געבּעטען אַז ער זאָל איהם זאָגען זיינע מעשים טובים פאַרוואָס ס'איז איהם געשעהן אַזעלכע צוויי זעלטענע נסים. דער מענטש האָט איהם דער‧צעהלט אַז זיין גאַנץ לעבּען פיהרט ער זיך אַז אַ מענטש טהוט איהם אַ שלעכט'ס איז ער זיך נישט נוקם אָן דעם מענטש נאָר ער איז איהם בּאַלד מוחל און נאָכמעהר ער אַליין זעהט נאָך צו טהוּען איהם גרויסע טובות. ווי רבי אבא האָט דאָס דער‧הערט האָט ער אָנגעהויבּען וויינען און ער האָט צו דעם מענטש געזאָגט: דאָס איז דאָך נאָך גרעסער ווי יוסף הצדיק. בּעווייַל יוסף הצדיק האָט דאָך אַזאַ זאַך געטהוּען אַנטקעגען זיינע בּרידער און די טהוסט אַזעלכעס קעגען פרעמדע מענטשען. די מעשה פוּן יוסף הצדיק איז פאָלגענדעס: בּעת ווען יעקב אבינו האָט יוסף'ן געשיקט צו זיינע בּרידער געוואָהר ווערען וואָס זיי מאַכען, האָבּען זיי איהם אין אַ גרוּבּ אַריינ‧געלייגט (אין דעם גרוּבּ איז איהם געשעהן אַ נס, וואָס דער אייבּערשטער האָט געשטערט די שלאַנגען איהם אָנצוּרירען) און נאָכהער איהם פאַרקויפט צו אַ בּאַנדע טערקין. די טערקין האָבּען איהם ווידער פערקויפט קיין מצרים, פוּן וואָס, ווען נישט גאָט'ס נסים וואָלט ער אַ לאַנגע צייט אין די תפיסות געזעסען, נאָר גאָט האָט מיט איהם אַ נס געטהוּען און ער איז נאָר אין מצרים אַ גרויסער מאַן (משנה למלך) געוואָרען. אָבּער אין תוך אַריין האָבּען דאָך זיינע בּרידער איהם געוואָלט גרויסע יסורים אָנטהוּען און זיך געוואָלט אָן איהם נוקם זיין. לסוף ער האָט גאָר אַנדערש געטהוּען: אַז זיי זענען צו איהם אין די הונגער יאָהרען עסענוואַרג געקוּמען קויפען האָט ער זיי פאַרקויפט און קיין געלד האָט ער בּיי זיי נישט גענוּמען. — עס איז רעכט — האָט וויַיטער רבי אבא צוּם מענטש געזאָגט — וואָס הקדוש בּרוך הוא האָט דיר אַזעלכע צוויי נסים געטהוּען.

## 17.

## חִזְקִיָה הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען מִיט דִי חֲבֵרוּתָא.

רבי יהודא מיט רבי יוסי זענען געקומען אין דער שטאָדט „כפר חנן" און זיי

זיי צו געקומען א מענטש. די אייזלען זיינע וואס ער איז אויף זיי געפאהרען זענען געשטאנען אין אנ'אנדער ארט. האט רבי יהודא צו רבי יוסי'ן געזאגט: מיר האבען געלערנט אז דוד המלך איז קיינמאהל נישט געשלאפען מעהר ווי זעכציג אטהעמ'ס, און דאס איז דער שיעור ווי להבדיל א פערד'ס א שלאף טא פארוואס-זשע שטייט אז אין האלבע נאכט שטעהט ער אויף צו לויבען גאט? אמער אז ער האט אזוי וויניג געשלאפען איז ער דאך נאך פריהער ווי אין האלבע נאכט אויף-געוועזען? דער מענטש האט דאס געהערט האט ער איהם געענטפערט: זיינט וויסען אז ווען עס איז נאכט געווארען האט ער זיך געזעצט עוסק זיין אין פסק'נען דינים און אין תורה ביז וואנען עס איז געווארען נאהנט צו האלבע נאכט און ער האט געשלאפען ביז האלבע נאכט, און נאכהער אז ס'איז גאר געווארען האלבע נאכט איז ער שוין אויפגעשטאנען און געלויבט צו השי"ת. דרום וויל דוד המלך איז א „חי וקים" דאריבער האט ער זיך געהיטען נישט צו טועם זיין דעם טעם פון „טוידט". וויל דער שלאף פון א מענטש איז א זעכציגס'ט חלק פון טוידט און אין א שלאף מעהר, פון ניין-און-פינפציגע מינוט איז מען שוין טועם דעם טעם פון מיתה. און דוד המלך האט זיך שטארק געהיטען דאס, נישט טועם צו זיין, און ער איז נישט געשלאפען לענגער ווי זעכציגע אטהעמ'ס, און ס'זאל אויף איהם נישט געוועלטיגען קיין אנדער זאך אויסער „חיים עליונים". ווארום אז עס קומט אין מיטען דערנאכט און די „קדושה עליונה" הויבט זיך אן צו ערוועקען און דער מענטש שלאפט דאן, דאן ווערט ער אנגעקניפט אינ'ם „מות" און ער ווערט באהעפט אין די טומאה. אבער דוד המלך האט זיך פון דעם אלעם געהיטען און ער האט אכטונג געגעבען אויף „כבוד השי"ת". — רבי יהודא מיט רבי יוסי האבען איהם געקישט און איהם געבעטען אז ער זאל זיי זאגען זיין נאמען און ער האט זיי געזאגט אז ער הייסט — חזקיה. נאכהער האבען זיי צו איהם געזאגט אז ער זאל וואס א מאהל, מעהר גע-שטארקט ווערען אין די תורה, רבי יהודא האט איהם געבעטען אז וויל ער האלט שוין אין זאגען זאל ער זיי נאך סודות זאגען האט ער זיי געזאגט גרויסע סודות ביז וואנען רבי אלעזר איז אנגעקומען. רבי אלעזר אז ער האט זיי דערזעהן האט ער פערשטאנען אז אויף געוויס איז די „שכינה" דא פערהאן און ער האט פערלאנגט זיי זאלען איהם זאגען אין וואס זיי זענען עוסק, זיי האבען איהם דערצעהלט די גאנצע איבערגערשטאהנטע מעשה.

18.

# דער פויגעל וואס איז מגלה סודות.

רבי אלעזר, רבי חייא און רבי יוסי זענען א מאהל געשטאנען ביים טהויער פון די שטאדט לוד. האט זיך רבי יוסי צו זיי געווענדעט: איך וועל דערצעהלען וואס איך האב דעם היינטיגען טאג געזעהן. און ער האט זיי דערצעהלט אז ער האט אינ'ם

היינטיגען טאָג געזעהען, ווי אַ עוף איז געפלויגען, און האָט דריי מאָהל אויפגעהויבען דעם קאָפּ'ף און נאכהער האָט דער פויגעל איינמאָהל אראָפּ געניזערט און געשריען: „די עליונים וואָס שוועבען אין הימעל אין די רעכט זייטע" „דריי הערר'ן וועלען אויפגערעכט ווערען" „איינער וואָס איז אויף די טראָהן געזעסען וועט שוין מעהר נישט זיצען" „מען ווארפט איהם אראָפּ און מען פיהרט איהם אין פייער" „מען פיהרט איבער זיין געוועלטיגקייט פון איהם און אויך — זיין קיום" „דריי עמודים שלטונים עליונים שטעהן אויף. אויף דער וועלט". און ער האָט נאכהער צו דעם עוף געזאָגט: זאָג מיר די פויגעל וואָס בעדייטען דיינע רייד? ווער זענען די דריי עמודים? ווערמען וועט מען פון טראָהן אראָפּ ווארפען? האָט דער עוף איהם אראָפּ געוואָרפען „דריי פעדער'ן" פון זיין רעכטען פליגעל און „איין פעדער" פון זיין לינקען פליגעל, און יעצט — פרעגט ער זיי — אַז אזוי ווי ער ווייסט נישט וואָס דאָס בעדייטעט זאָלען זיי איהם דאָס זאָגען. רבי אֶלעזר האָט גענומען די דריי פעדערין און ער האָט צו זיי געשמעקט איז איהם בלוט פון זיינע נאָז לעבער ארויס. האָט ער געזאָגט אַז דאָס בעדייטעט, אַז ס'וועלען אויפשטעהן דריי הערר'ן (שרים) און וועלען גוזר זיין שלעכטע גזירות, רחמנא ליצלן, אויף יודען. נאכהער האָט ער גענומען די איינציגע פעדער פונ'ם עוף'ס לינקען פליגעל און ער האָט צו איהר (צו די פעדער) געשמעקט, איז ארויס אַ שווארצע פייער, האָט ער געזאָגט אַז דאָס בעדייטעט. אַז עס איז אָפּגעטהון די געוועלדיגקייט פון מצרים, און עס איז אָנגעברייט צו זיין אַ מלך, וואָס איז געוועזען אין דער צייט פון חורבן, און „אנטיוכוס" איז איינער פון די דריי, ער וועט געוועלדיגען איבער זיי; ער וועט ברעכען מויערען און וועט בויען מויערען. רבי אֶלעזר האָט די פעדער'ן געוואָרפען אויף דער ערד, זענען די דריי פעדער'ן געפלויגען אויף די איינע פעדער, האָט רבי אֶלעזר דער פון יאָטמערליך געוויינט אין דער צייט וואָס רבי אֶלעזר האָט געוויינט איז פערביי געגאַנגען אַ קליין יונגעלע און ער האָט געלייענט אַ פסוק פון תנ"ך (משא מצרים הנה ד' רוכב על עב קל ובא מצרים) און ווידער איז אַ קליין יונגעלע פערביי געגאַנגען און געלייענט (ארץ מצרים לשמה תהיה) אַ דריטעס קליין יונגעלע איז אויך פערביי געגאַנגען און האָט געלייענט (ואבדה חכמת מצרים) האָבען זיי (די דריי חכמים) ווידער געזעהן ווי דער לינקער פליגעל איז פארברענט געוואָרען. — האָט רבי אֶלעזר צו זיי געזאָגט: דאָס קול פון דעם עוף און דאָס, וואָס די דריי קינדער האָבען געזאָגט איז, אַ גאַנצע נבואה און השי"ת וויל אונז מגלה זיין היילינע סודות: די געוועלדיגקייט פון מצרים איז שוין אויף געווים אָפּגעטהון געוואָרען און איינער פון די דריי מלכים וועט געוועלטיגען איבער זיי, און ער, ער וועט דאָס ברעכען און בויען — מויערען.

## 19.

# דאָס קול פון אַ קבר.

רבי יהודה בר שלום מיט רבי אבא זענען געגאַנגען אונטער-וועגנס, אַז זיי

זענען געוואָרען האנגעריג זענען זיי אַריין אין אַ אָרט ווי מען קען און מען בעקומט עסען און האָבען דאָרטען געגעסען. נאָכ'ן עסען זענען זיי אַרויס געגאַנגען אויף דער גאַס, און האָבען זיך צוגעלייגט שלאָפען אויף איין בערגיל ערד. דאָס איז געוועזען אַ קבר. איידער זיי האָבען איינגעשלאָפען האָבען זיי געהאָרכט ווי פונ'ם קבר געהט אַרויס אַ קול און שרייעט: „אַ מענטש איז געגאַנגען אין דער ערד אַריין נער האָט דאָס געמיינט אויף זיך) עס איז שוין צווילף ווי איך בין נאָך נישט ערוואַכט נאָר יעצט בין איך ערוואַכט ווייל כ'האָב געזעהן מיין זוהן". זאָגט רבי יהודא צום קול ווער ביזטו? אַנטוואָרט ער: איך בין איין יהודי, איך בין אין נזיפה און קען נישט קומען אויף יענער וועלט איבער מיין זוהן. אַנ'עובד כוכבים האָט צו געגנב'ט מיין זוהן קליינערהייד אין אַלע טאָג שלאָגט ער איהם און ער איז אין צער, און צוליעב מיין זוהנ'ס צער קען איך נישט קומען אויף יענער וועלט אויף מיין אָרט, און פון די גאַנצע צייט וואָס איך ליג דאָ בין איך נאָך נישט וואַכענדיג געוועזען נאָר יעצט. פרעגען זיי איהם: צו ווייסטו דען דעם צער פון אונז לעבעדיגע? — איהר לעבעדיגע — האָט ער געאַנטוואָרט — דאָ אויפ'ן אָרט שווער איך מיין קבר זאָל צופיהרט ווערען און אויסגעלייזיגט; פון מיר, אַז ווען נישט אונז טוידט'ען געבעטען וואָלטען זיי, די לעבעדיגע, קיין קיום אויף דער וועלט נישט געהאַט, אפילו איין טאָג. און אַציינד בין איך ערוואַכט בעווייל זיי זאָגען מיר אַז מיין זוהן וועט באַלד קומען אַ הערצו, נאָר איך ווייס אַליין נישט, צו אַ לעבעדיגער וועט ער קומען צו — אַ טוידטער? פרעגט איהם רבי יהודא וואָס זיין טהוען איז אויף יענע וועלט. פלוצלינג האָט דער קבר געטהוען שטורמען און האָט געזאָגט: „שטעהט אויף און געהט אַוועק פון דאַנען! וואָרום אַציינד שלאָגט מען מיין זוהן" האָבען זיי זיך שטאַרק געוואונדערט און זענען אַוועק געלאָפען פון דאָרטען אַ האַלבען תחום שבת, און זיי זענען דאָרטען געזעסען ביז דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען. אַז זיי האָבען זיך געקליבען צום אַוועק געהן האָבען זיי געזעהן איינער לויפט און פון זיין אַקסעל גיעסט זיך פיעל בלוט. זיי שטעלען איהם אָפּ, און פרעגען איהם ווי ער הייסט? ער האָט נישט געקאָנט, פון שוואַכקייט שטעהן, האָבען זיי איהם צוגעהאַלטען און ער האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה, ווער עס שלאָגט איהם און פונוואַנען ער לויפט, און ער האָט זיי געזאָגט אַז ער הייסט ליואי בר לחמא. מעהר מיט איהם צורעדען האָבען זיי געשראָקען און זיי האָבען זיך שוין נישט געוואָלט אומקעהרען צום קבר, ווייל זיי האָבען פערשטאַנען אַז דאָס איז דעם מת'ס וואָס איז אין יענעם קבר, זיינס אַ זוהן.

---

## 20.

## די וואונדערליכע הייל.

---

רבי אלעזר און רבי אבא זענען געגאַנגען פון טבריה קיין צפורי האָט זיי אויפ'ן וועג בעגעגענט איין יוד און ער איז מיט זיי בעזאַמען, זאַלבאַדריט, געגאַנגען.

רבי אלעזר האט זיך אנגערופען אז יעדער איינציגער פון זיי בעדארף זאגען עפּיס תורה, און ער איז געוועזען דער ערשטער וואס האט געזאגט אויף א פסוק (ויאמר אלי הנבא בן אדם אל הרוח ואמרת אל הרוח) אז פון דארטען איז געדרונגען פון וואגען דער רוח קומט ארויס. דער יוד ווי ער האט די ווערטער דערהערט איז ער פון זיי אפגעשפרונגען. רבי אלעזר האט איהם געפרעגט פארוואס ער איז אפגעשפרונגען, האט ער געענטפערט ווייל ער האט געזעהען איין זאך פון גן עדן. ווארום ער איז א מאהל געגאנגען אין דער מדבר האט ער געזעהען א בוים וואס ער איז געוועזען זעהר טשיקאווע אויף דעם בוים צו קוקען, אונטער איהם (דעם בוים) האט ער געזעהן א הייל איז ער צו די הייל צוגעגאנגען האט ער בעמערקט ווי פון דער הייל גייט ארויס אלע מינים אויסטערלישע ריחות (געשמאקען) פון דער וועלט, ער איז צוגעקומען צו איין ארט פון דער הייל וואס דארטען איז געוועזען פיעל בוימער און א מין געשמאק וואס ער האט עס פאר קיין פאל נישט געקאנט דערטראגען (סובל זיין) אזוי ווי ער שטעהט דארט קומט צו איהם צו איינער וואס האט אין דער האנד געהאלטען א רוט און איז געשטאנען אויף א טהיר. אז דער מענטש האט איהם דערזעהען איז ער צו איהם צוגעגאנגען און האט זיך געשטעלט נעבען איהם, און ער האט זיך געוואונדערט אויף איהם און ער (דער מענטש מיט די רוט אין דערהאנד) האט צו איהם געזאגט: וואס טהוסטו דא? און ווער ביזטו? — ער איז געבליבען שטעהן אין זעהר א שטארקען פחד (שרעק) און ער האט איהם געענטפערט: מיין הערר איך בין פון רבי שמעון בן יוחאי'ס חברים! און ער האט איהם דערצעהלט וואס ער האט אלץ געזעהען וואס ס'האט איהם דא אהער אריין געבראכט. האט דער מענטש (מיט די רוט אין דערהאנד) ווידער צו איהם געזאגט: ווייל די ביזט פון רבי שמעון בן יוחאי'ס חברייא, נעם־זשע דאס בינדעל כתבים און גיעב עס אפ צו דער חברייא בעווייל זיי זענען גרויסע בעלי קבלה און ווייסען גרויסע סודות פון די רוחות הצדיקים. נאכהער האט ער אויף איהם מיט זיין רוט א קלאפ געטהוען, אזוי, אז ער איז באלד איינגעשלאפען. אין מיטען שלאף האט ער געזעהען פיעל וואונדערליכע זאכען: פיעל חיילות און שיירות זענען געקומען אין דעם ארט אריין און דער אייגענער מענטש שלאגט אויך זיי מיט זיין רוט און הייסט זיי ארויס־געהן דורך דעם וועג וואס פיהרט צו די בוימער. אין מיטען זייער געהן האבען זיי גאר פליהען אנגעהויבען און וואו זיי זענען געפלויגען האט ער נישט געוואוסט, נאר געהערט האט ער פון זיי פערשידענע קולות פון וואס ער האט זיך פון זיין שלאף אויפגעחאפט, וואכענדיגערהייט האט ער שוין גאר נישט געזעהען. נאכהער איז דער מענטש ווידער צו איהם צוגעגאנגען און ער האט איהם געפרעגט וואס ער האט געזעהען אין מיטען שלאף? האט ער איהם אלסדינג דערצעהלט. אויסהערענדיג דאס אלעם פון איהם, און ווי ער האט שוין געהאלטען ביים ענדע ערצעהלען האט ער אנגעוויזען דעם וועג וואס די רוחות פון די צדיקים געהן א דורך איידער זיי קומען ארויף אין גן עדן ארויף. און ער האט איהם געזאגט אז, אזוי גוט ווי דער גוף ווערט אויף די וועלט צוזאמענגעשטעלט פון פיער יסודות אזוי מוז דארטען דער רוח געבוים ווערען פון דער נשמה פון פיער יסודות פון די אוירים פונ'ם גן עדן. —

רבי אלעזר מיט זיינע חברים האבען איהם אנגעהויבען קושען אויף זיין קאפף פון רבי אלעזר האט געזאגט אז געלויבט איז השי"ת וואס ער האט איהם דא צו

זיי אַהער געשיקט, וואָרום אויף געוויס איז דאָס די לויטערע זאכין פון הקב"ה. ער — דער מענטש — האָט געגעבען צו ר' אלעזר'ן דאָס בינטעל כתבים, און ווי רבי אלעזר נעמט זיי אין די האנד און עפענט אויף צום לייענען איז געקומען אַ פייער און האָט איהם אַרומגערינגעלט. ער האָט אין די כתבים געזעהען וואָס נויטיג איהם איז געוועזען און נאכהער איז עס איהם פלוצלינג פון די הענד אַרויסגעפלויגען. רבי אלעזר האָט פון דעם שטאַרק ענמת נפש בעקומען און מיט אַ וויינענדיגע שטימע האָט ער געזאָגט: ווער קען בייזשטעהן אין די גנזי אוצרות די באַהעלטעניסען פון מלך אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ר' מי יגור באהליך ומי ישכון בהר קדשיך) גאָט, ווער קען וואָהנען אין דיינע געצעלטען און ווער קען רוהען אין דיין הייליגען באַרג. אָנקוקענדיג דעם מענטש האָט ער געזאָגט: וואויל איז דעם וועג און די שעה וואָס איך האָב דיך דערקאָנט. און פון דענסטמאָהל אָן האָט זיך רבי אלעזר זעהר משמח געוועזען.

## 21.

## די רויז.

רבי אַבא מיט רבי יצחק זענען געגאַנגען אין וועג און זענען צוגעקומען צו אַזאַ אָרט וואָס דאָרטען זענען געשטאַנען שמעקעדיגע רויזען בוימער. רבי אַבא האָט גענומען אַ רויז און איז מיט איהר (מיט די רויז) אַוועק געגאַנגען. אויפ'ן וועג האָט ער זיך געטראָפען מיט רבי יוסי'ן. רבי יוסי האָט צו איהם געזאָגט אַז ער זעהט אַז די שכינה איז דאָ אויפ'ן אָרט דאָ, און ער זעהט אין רבי אַבא'ס הענד, דאָס ער האָט גענומען די רויז צום צוועק, חכמה פון איהר אַרויס צו לערנען, זעך זיך אַנידער מיין קינד — האָט רבי אַבא צו רבי יוסי'ן געזאָגט — און ער האָט אַ שמעק געטהוען צו די רויז און האָט געזאָגט אַז די וועלט האָט נאָר אַ קיום אויפ'ן ריח, ווייל מיר זעהען אַז דער נפש האָט נאָר אַ קיום אויפ'ן ריח.

## 22.

## אַ נ'עוף אויף רַבִּי אֶלְעָזָר'ס קָאפּ.

רבי חייא איז געזעסען אין טויער פון אושא, האָט ער געזעהען ווי רבי אלעזר מיט רבי אַבא געהען און אַ עוף שוועבט אויף רבי אלעזר'ס קאָפּ. רבי אַבא האָט דאָס דערזעהען האָט ער געזאָגט צו רבי אלעזר'ן „אַז אפילו אין וועג געליסטען אַלע דיר נאָך צוגעהן", רבי אלעזר האָט זיך אַרומגעקוקט צו זעהען דעם עוף און ער האָט געזאָגט: ס'מוז אודאי אַ שליחות פון אויבערשטען צו איהם דורכ'ן עוף זיין, ווייל

מיט אלע טהוט הקדוש ברוך הוא שליחות און אלע זענען זיינע שלוחים אפילו א זאך וואס איז נישט קיין בעל חיים. (טאדטע באשעפעניש).

## 23.

## דער געפסול'טער.

רבי יצחק און רבי יהודא זענען געגאנגען פון „אושא" קיין „לוד" און מיט זיי איז מיטגעגאנגען דער סוחר יוסף וואס ער האט מיט זיך געפיהרט קעמלען מיט פערשידענע משאות. אין מיטען וועג האט דער יוסף געזעהען אדורך געהן איין כותית, האט ער זיי איבער געלאזט און ער איז נאכגעלאפען די כותית. רבי יצחק און רבי יהודא האבען, דאס דערזעהנדיג, געזאגט אז מען דארף זיך פון איהם שיידען, בעוויל השי"ת האט זיי דא געוויזען אז זיי זאלען זיך מיט איהם נישט חבר'ן. אומקערענדיג זיך פון דעם וועג האבען זיי אנגעהויבען אין דעם סוחר יוסף'ס משפחה אריין צוקלערען, און זיי האבען ארויס געפונען אז ער איז א ממזר א געבוירענער פון א מצרית, און אויך דער פאטער זיינער איז א פסול'ער געוועזען. זיי האבען געזאגט געלויבט איז גאט וואס ער האט אונז פון איהם מציל געוועזען.

## 24.

## א כהן געהרגט דורך זיין חבר א כהן.

רבי חייא מיט רבי יוסי'ן זענען געגאנגען אין דער מדבר, און רבי חייא האט געזאגט צו רבי יוסי'ן קום וועל איך דיר זאגען ווען דער אויבערשטער איז מעביר איין קעניגרייך פון דער וועלט איז ער פריהער מעביר זיין שר אין הימעל, און ער איז איהם פריהער נישט מעביר ביז וואנען ער זעצט אנ'אנדערן אויף זיין ארט, כדי עס זאל נישט אפגיין א ממשלה אין הימעל. רבי יוסי'ן זענען זיינע רייד געפעלען און ער האט אויך אנגעהויבען זאגען גרויסע סודות. פון דערווייטענס האבען זיי געזעהען ווי איינער געהט און שלעפט שווערע משאות, זאגט רבי חייא צו רבי יוסי'ן אז מען בעדארף אוועק געהן פון דאנען און געהן מיט אנ'אנדער וועג, בעוויל טאמער איז דער וואס פיהרט די משא אנ'עובד כוכבים אדער אנ'עם הארץ וואס מיט זיי איז נישט גלייך זיך צו באהעפטען, ענטפערט רבי יוסי: אויף געוויס וואס ער איז ווייסען מיר דאך נישט, לאמירווארטען ביז וואנען ער וועט קומען נעהנטער צו אונז וועלען מיר זעהען איז ער א גרויסער מענטש וועלען מיר מיט איהם געהן בעזאמען, אלא טאמער נישט האבען מיר דאך צייט נאכהער פון איהם זיך צו ערווייטערען, און זיי האבען אזוי געטהון. דער

מענטש איז צו זיי נעהנטער צוגעקומען און ער האָט צו זיי געזאָגט: איך וויל מיט אַ חברותא אויסמיידען דעם וועג, און אויך וויל איך נישט עובר זיין אויף אַ פּסוק פון דער תורה „ולפני עור לא תתן מכשול“ און איך צו וויסען געבען אַז דער וועג וואָס איהר ווילט דאָ געהן, שמעקט מיט סכנות נפשות. רבי יוסי האָט געלויבט גאָט וואָס עס איז זיי אונטער געקומען אַזוי איינער און האָט זיי געפּענט די אויגען, און יעצט זענען זיי באַהעפט געוואָרען מיט איהם און זענען שוין געגאַנגען דעם וועג — זאַלבעדריט. געהענדיג אויפ'ן וועג האָט ער זיי דערצעהלט פאַר וואָס דער יעניגער וועג שמעקט מיט סכנת נפשות. ער האָט זיי געבעטען גאָר נישט צו רעדען נאָר אויסהאָרכען וואָס ער וועט זיי וועגען יענעם וועג דערצעהלען. אין יענעם וועג וואָס מיר האָבען פריהער געוואָלט געהן — האָט ער צו רבי חייא און צו רבי יוסי געזאָגט — איז אַמאָהל אַ כהן חכם מיט אַ כהן אַנ'עם הארץ זאַלבענאַנד געגאַנגען. און אין מיטען וועג איז דער כהן עם הארץ אויפגעשטאַנען און געהרג'ט זיין חבר, דעם כהן חכם, און פון דעמאָלסט אָן איז דער וועג פיעל מיט גזלנים אין רוצחים וואָס הרג'נען יעדערען וואָס נאָר דאָרט געהט. די חכמים וויסען פון דעם וועג און מיידען איהם שטענדיג אויס, בעוויַיל דעם כהן חכם'ס בלוט רוהט נישט און הקב"ה באַגערט אַלע טאָג דאָס בלוט פון דעם כהן חכם וואָס ער איז דאָרט געהרג'ט געוואָרען.

25.

## אַ מענטש וואָס איז אַרויס פון אַ שפּאַלט פון אַ שטיין.

רבי חייא און רבי יוסי זענען געגאַנגען אין וועג, און רבי יוסי האָט געזאָגט צו רבי חייא'ן: כל זמן מיר זענען אין וועג טהוט השי"ת מיט אונז — נסים, לאָמיר אָנהייבען רעדען און עוסק זיין אין דברי תורה, בעוויַיל דער וועג איז דאָך אונז זעהר ווייט, וועט זיך השי"ת מיט אונז באַהעפטען. און זיי האָבען געזאָגט גרויסע סודות אויף „לחם עוני“. אין מיטען זייער געהן הערען זיי ווי אַ קול שרייעט: „איהר געוועלטיגער איבער רוחות און מזיקים וואָס גידערט נישט אַראָפּ און אונזערע געצעלטען“. זאָגט רבי יוסי אַזוי ווי איך זעה באַגערט השי"ת אין אונזער וועג, איז ענטוועדער אָדער: ענטוועדער מיר וועלען זעהען עפּיס נייעס אָדער עס וועט אונז עפּיס אַ נס געשעהן. זיי זענען וויַיטער געגאַנגען, און זיי האָבען דערזעהען אַ שטיין האָבען זיי זיך געבען דעם שפּאַלט פונ'ם שטיין אַנידער געזעצט. אין דעם זעהען זיי, ווי אַ געשטאַלט אַזוי ווי אַ מענטש געהט אַרויס פון דעם שפּאַלט פונ'ם שטיין און זיי זענען זעהר דערשראָקען געוואָרען. רבי יוסי פרעגט איהם ווער ער איז, איך בין — ענטפערט ער — פון די לייט וואָס זענען אין ארקא (דאָס איז אַ לאַנד, איינע פון די זיעבען לענדער וואָס שטעהט אין פרשת בראשית אויסגערעכענט) רבי יוסי פרעגט איהם: צו איך דאָרטען זענען פערהאַן מענטשען? יאָ — ענטפערט ער — ביי אונז איז אויך פערהאַנען מענטשען, וואָס ערנערען זיך פון זייען און שנייַדען פעלדער און פון די פאַרטיגע עסען זיי. אַ טהייל זענען אין אַנ'אַנדער געשטאַלט

(דמות) ווי איך. נאך וואס ביזטו דא אהער ארויס געקומען? פרעגט איהם רבי יוסי, איך בין געקומען בעקוקען דאס לאנד וואס איהר לעבט דערויף דען עס האט ביי אונז זעהר א גרויסען שם (נאמען) האט ער געענטפערט צו רבי יוסי'ן. רבי יוסי האט איהם געזאגט ווי דאס לאנד הייסט, און אין מיטען דערינען איז ער צוריק אריין אין די שפארע פון שטיין.

## 26.

## דער מענטש מיט די קרייטעכער.

רבי יוסי איז אמאהל געגאנגען אינטער וועגס און מיט איהם איז מיטגעגאנגען זיין זוהן רבי חייא, ווי זיי געהען אזוי האבען זיי דערזעהען ווי א מענטש קלויבט פערשיעדענע קרייטעכער אויף רפואות, האבען זיי איהם געפרעגט נאך וואס איהם טויג די קרייטעכער, נאר ער האט זיי נישט געענטפערט אין האט אפילו דעם קאפף צו זיי נישט אויפגעהויבען. זיי האבען איהם נאך אמאהל געפרעגט און ער האט אבער נאך אלץ נישט געענטפערט. זעהענדיג אז ער ענטפערט זיי נישט, האט רבי יוסי געזאגט צו זיין זוהן, אז ס'ווייזט איהם אויס אז דער מענטש איז, אדער א טויבער אדער אפשר נאר א שוטה; און אפשר איז ער נאר, א גרויסער חכם. זיי האבען זיך נעבען איהם אנידער געזעצט. דער מענטש אז ער האט שוין געהאט גענוג אנגעקליבען, האט ער גענומען די בלעטער פון ווינשטאק און האט, אין זיי, די קרייטעכער אריינגעוויקעלט, אז ער איז שוין מיט די קרייטעכער פערטיג געוועזען האט ער צו זיי געזאגט אז ווי ס'ווייזט איהם אויס, זאלען זיי (רבי יוסי מיט רבי חייא) זיין יודען, און די וועלט זאגט אז יודען זענען זעהר קלוג. נאכהער האט ער געזאגט אז ווען ער וואלט אויף זיי נישט געהאט רחמנות וואלטען זיי דערוויטערט געווארען פון מענטשען,. אזוי ווי איין מצורע וואס מען דערוויטערט איהם פון מענטשען, בעוויל זיי האבען אין זיך אריינגענומען א ריח פון די קרייטעכער, און צוליעב דעם וועלען זיי מוזען קראנק זיין דריי טעג, ער האט זיי געגעבען א רפואה צו עסען די וואלד קנאבלען וואס ער האט געהאט גרייט נעבען זיך, און זיי האבען די וואלד קנאבלען אויף געגעסען פון וואס זיי זענען א היבשע צייט געשמאק געשלאפען. דער שווייס האט פון זיי אזוי ווי קוואל וואסער גערינען, און זיי האבען זיך אויף געכאפט. ער האט צו זיי געזאגט אז בעת זיי זענען געשלאפען איז השי"ת געוועזען מיט זיי, און ער האט זיי בעגליקט מיט דעם וואס ער איז דאבי געוועזען, בעוויל די רפואה פון גאט איז פון איהם געשיקט געווארען. איידער זיי זענען אוועק געגאנגען האט ער צו זיי געזאגט אז יעדער מענטש בעדארף זיך עוסק זיין מיט'ן צווייטען אזוי ווי נאך זיין סדר: א זכר נאך זיין סדר; א נקבה נאך איהר סדר; און א חשובער מאן נאך זיין סדר, רבי יוסי האט, דאס דערהערענדיג, געזאגט צו זיין זוהן רבי חייא אז יעצט ווייסט ער וואס דער פסוק מיינט „כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל" דאס מיינט מען: צו די בני יעקב דאס הייסט זאגען לויט זייער כח און

אוּן צוּ דיִ בּני ישראל לויט זייער כּח. דער מענטש אַז ער איז שוין געוואָרען
מעהר נעהנטער צוּ זיי, האָט ער צוּ זיי געזאָגט פאַרוואָס ער האָט פריִהער בּעת זיי האָבּען
צוּ איהם גערעדט, ניִשט אויפגעהויבּען דעם קאָפּף און האָט ניִשט מיִט זיי געוואָלט
רעדען, נעמליִך, צוּליִעבּ דעם וואָס ער איז אַ חכם און ער פערשטעהט אין גראָזען
מעהר פון אַלע מענטשען וואָס אין זיין דור. און דיִ חכמה האָט ער איבּערגענומען
פון זיין פאָטער. וויַיטער האָט ער צוּ זיי געזאָגט, אַז דיִ קרייַטעכער זענען אַנ־
אֶמת'דיִג גוּט מיִטעל צוּם בּענוּצען מיִט זיי, און ער — פאַר גרויס חשיבות — וואָרגט
מיִט זיין הויזגעזיִנד נעבּען דיִ קרייַטעכער. עס איז אין מיין שטוּבּ פערהאַן — האָט
ער מיִט אַנ'ערניע צוּ זיי געזאָגט — אַ וויִנקעל אין צפון זייט וואָס דאָרטען איז
פערהאַן איין מיִהל מיִט אַ קוואַל וואַסער, און אַלע טאָג נעהט פון דיִ מיִהל אַרויס
אַ מענטש, אַ צוויי קאָפּעדיִגער און אין זיינע הענד האַלט ער אַ שווערד און ער איז
אונז זעהר מצער, ווייַל מיר אַלע שרעקען זיִך פאַר איהם, און דאַריִבּער האָבּ איך
דיִ קרייַטעכער אויפגעקליִבּען. געהט מיִט מיר מיִט, וועט איהר זעהען דעם כּח
פון דיִ קרייַטעכער און דעם גרויסען כּח וואָס השי"ת גיִעבּט אַריין אין דעם מענטש
וואָס פערשטעהט דיִ חכמה פון דיִ גראָזען. זיי זענען מיִט איהם, מיִטגעגאַנגען,
און אין מיִטען וועג, איז ער אַריין אין אַ לאָך פון דיִ ערד, און האָט עטליִכע קרייַ־
טעכער דאָרט אַהיִן אַריין געלייגט, פון וואָס עס איז אַרויס אַ שלאַנג, וואָס זיין
אויסזעהן איז געוועזען זעהר העסליִך, אַ קאָפּ זעהר אַ גרויסען. נאָכהער האָט ער (דער
מענטש) גענומען אַ שטריִק און האָט געבּונדען דעם שלאַנג. זיי, רבי יוסי מיִט זיין
זוהן רבי חייא האָבּען זיִך שטאַרק געשראָקען פאַר דעם שלאַנג, געהט מיִט מיר
וויַיטער — האָט ער, זייער שרעק בּעמערקענדיִג — צוּ זיי געזאָגט, און זיי זענען
מיִט איהם צוּגעגאַנגען צוּ זיין הויז. אין זיין הויז האָבּען זיי געזעהן דיִ צפון וואַנד,
און ווייַל עס איז געוועזען פינסטער האָט ער גענומען אַ ליִכט. אַזוי ווי איך זעה —
האָט ער צוּ זיי געזאָגט — שרעקט איהר זיִך שטאַרק, אַלזאָ בּעט איך אייך אַז
איהר זאָלט זיִך ניִשט שרעקען און אויך קיין וואָרט ניִשט רעדען. נאָכהער האָט ער
אויפגעבּונדען דעם שלאַנג און האָט צוּקלאַפּט אַ בּיִסעל קרייַטעכער, און האָט זיי
אויף דעם שלאַנגס קאָפּ'ף אַרויף געשיִט. דעם שלאַנג האָט ער אַריין געלאָזט אין
דעם קוואַל וואַסער וואָס איז געוועזען נעבּען דער מיִהל. אַז דער שלאַנג איז שוין
געוועזען אינ'ם קוואַל האָט זיִך דערהערט אַ שרעקליִך קול און דאָס גאַנצע הויז האָט
אָנגעהויבּען אַרום זיי צוּ ציִטערען. רבי יוסי מיִט זיין זוהן רבי חייא האָבּען פאַר
גרויס שרעק ניִשט געקאָנט איינשטעהן אויף זייערע ערטער און זיי וואָלטען אויף
געווים שוין דאָסמאָהל פון איהם אַוועקגעגאַנגען, נאָר אַזוי ווי זיי זענען שוין גע־
וועזען נעבּען דיִ טהיִר נאָר וואָס אַוועקצוגעהן. איז דער מענטש צוּ זיי צוּגעקומען,
און זיי געבּעטען אַז זיי זאָלען נאָך אַ בּיִסעל זיין, און זאָלען גאָר ניִשט שרעקען ווייַל
ער איז דאָ מיִט זיי, און זיי זענען פאָרט געבּליִבּען, אָנהאַלטענדיִג זיִך אָן איהם.
דער שלאַנג איז פוּנ'ם קוואַל צוּריִק אַרויסגעקומען און בּלוּט האָט זיִך פוּנ'ם
שלאַנג'ס קאָפּ'ף גענאָסען. ער האָט ווידער אַ בּיִסעל צוּריִבּענע קרייַטעכער אויפ'ן
שלאַנג'ס קאָפּ'ף אַרויף געלייגט, און איהם אַריין געשיִקט אין מיִהל אַריין. דער
שלאַנג האָט זיִך אַ קלייַנע ווייַלע אין דיִ מיִהל געזוימט, און בּאַלד האָבּען זיי געזעהן
ווי אַ צוויי קאָפּעדיִגער מאַן נעהט פון דיִ מיִהל אַרויס און דער אייגענער שלאַנג

אִיז אִיהם אַרוּם געוויקעלט אוֹיפ'ן האַלדז. ער אִיז אַרײַן געגאַנגען אִין קוֹיל אַרײַן דרײַ מאָהל אוּן האָט געשריען: דוּ שפלה בּריה ווֶעה צוּ דיִ מוּטער וואָס האָט דיך געבּוֹירען אוּן האָט דיך אוֹיף דעם אָרט געבּראַכט. דיִ מיִהל אִיז בּאַלד פוּן אִיהר אָרט אוֹיסגעריסען געוואָרען אוּן דער מענטש מיט'ן שלאַנג אַרוּם דעם האַלדז אִיז אַרוֹיס אוֹיפ'ן הוֹיף אוּן דאָרט, אִיז ער מיט'ן שלאַנג געפאַלען — טוֹידטע. רבּי יוֹסי מיט זײַן זוּהן רבּי חייא זענען שטאַרק אִיבּערראַשט געוואָרען דערפוּן, כּדי זײַ אַ בּיסעל אוֹיפצוּמוּנטער'ן אִיז ער צוּ זײַ צוּגעגאַנגען אוּן האָט געזאָגט: זעהט אִיהר, דאָס אִיז אַל'ץ פוּן דיִ קרײַטעכער וואָס אִיך האָבּ פריִהער געבּען אַיך געקליבּען, אוּן דאַריבּער האָבּ אִיך צוּ אײַערע רייד פריִהער נישט אָנגערוּפען אוּן נישט דעם קאָפּ אוֹיפגעהוֹיבּען. וואָלטען חאָטש מענטשען פערשטאַנען אַז אִין יעדען מינדעסטען גרעזעל שטעקט אַ חכמה, וואָלטען זײַ חאָטש פערשטאַנען אַז דאָס אַלעס האָט נאָר דער אִיבּערשטער בּעשאַפען. דאַריבּער האָט דאָס דער אִיבּערשטער פערבּאָרגען פוּן דער וועלט, וואָס פוּן דיִ חכמה וויסען נאָר געצעהלטע מענטשען, כּדי זײַ זאָלען נישט אָפּקעהרען פוּן אִיהם אוּן זיך פאַרזיִבּער'ן אִין דיִ חכמה.

אַז מיר (רבּי יוֹסי מיט זײַן זוּהן רבּי חייא) — שטעהט ווײַטער אִין זוהר פּ' יתרו — זענען געקוּמען צוּם געטליכען תּנא רבּי שמעוֹן בּר יוֹחאַי אוּן מיר האָבּען אִיהם דערצעהלט דאָס אַלעס וואָס מיר האָבּען דאָ געזעהען, האָט ער אוּנז געזאָגט אַז, מיט דעם מענטש וואָס מיר זענען געגאַנגען אִיז אוֹיף געוויס געווען אַ גרוֹיסער חכם, בּעוויל עס אִיז טאַקי נישט דאָ אוֹיף דער וועלט קיין אִין גראָז וואָס עס זאָל אִין דריִנען נישט שטעקען אַ גרוֹיסע חכמה.

## 27.

## דִּי צְוֵויי שְׁטֶערֶען.

רבּי אֶלעזר מיט רבּי אַבּא'ן זענען צוּזאַמען אוֹיף אַנ'אָרט געזעסען בּיז וואַנען עס אִיז געוואָרען — נאַכט. בּײַנאַכט האָבּען זײַ אַרוּם געשפּאַציִערט אִינ'ם גאָרטען, אוּן, קוּקענדיג אוֹיפ'ן הימעל האָבּען זײַ געזעהען ווי, צוויי שטערען זענען צוּזאַמען שיעור געקוּמען. אֵיינער אִיז געגאַנגען אַהיִן אוּן דער צווייטער — אַהער אוּן נאַכהער זענען זײַ בּיידע געוואָרען פאַרבּאָרגען. ווי גרוֹיס זענען דעם אִיבּערשטענס נסים, אוּן ווער קען וויסען וואָס זאַלכעס בּעדײַטעט, האָט אֵיינער צוּם אַנדערען געזאָגט. אִיך — האָט רבּי אֶלעזר צוּ רבּי אַבּא'ן געזאָגט — האָבּ זײַ יאָ גוּט בּעטראַכט אוּן האָבּ אײַנגעפוּנען פיעל פרעמדע זאַכען וואָס דער אִיבּערשטער טוּט שטענדיג אָפּ מיט זײַ.

## 28.

# די מַגֵּפָה.

רבי אחא איז אמאהל געגאנגען צום דארף טרשא און צוקומענדיג נעהנטער צום דארף האט ער געהערט ווי די מענטשען פון דארטען זאגען „אז עס איז שוין יא געקומען א גרויסער מאן בעדארפען מיר צוגעהן צו איהם און בעהטען איהם אז ער זאל אנ׳עצה געבען אנטקעגען דעם טוידט וואס הערשט ביי אונז זיבען טאג נאכנאנד און וואס א טאג ווערט ער אלץ שטארקער און נעמט מעהרערע קרבנות פון אונז". ער האט זיי געהייסען געהן אין שוהל אריין בעהטען ביים אייבערשטען אז ער זאל זיך אויף זיי מרחם (ערבארמען) זיין און זיי העלפען אין זייער נויט. ווי זיי ווילען געהן אין שוהל אריין מתפלל זיין, אזוי ווי רבי אחא האט זיי געהייסען, קומען צו זיי צולויפען פערשידענע מענטשען, יעדער מיט זיין געוויין אז דער און דער איז איהם געשטארבען. רבי אחא האט דאס דערהערט האט ער צו זיי געזאגט אז יעצט איז נישטא קיין צייט אין שוהל אריין צוגעהן, נאר מען מוז זיכען אנדערע מיטלען צו דעם, און ער האט געהייסען אז זיי זאלען פון זיך אפשיידען פיערציג מענטשען, גרויסע פרומע לייט, ער וועט זיך אויך באהעפטען מיט זיי. זיי האבען אזוי געטהון, און די פיערציג מענטשען האבען זיך פונאנדערגעטהיילט צו — צעהן. געוועזען איז דאך פיער מאהל צעהן, זענען זיי געגאנגען אין אלע פיער זייטען שטאדט און האבען זיך דארטען אפגעשטעלט און געזאגט דעם נוסח פון „קטורת הסמים" מיט גרויס כונה. אזוי האבען זיי געטהון דריי מאהל, דערנאך האט ער זיי געהייסען געהן אין די שטובען דא ווי די נוססים ליגען און אויך זאגען דארטען דעם נוסח פון „קטורת הסמים" (דאס איז דאס זעלבע וואס דער אייבערשטער האט געגעבען צו משה רבינו) און ער האט זיי געהייסען זאגען עטליכע פסוקים פון משנה תורה און זיי האבען אזוי געטהון. דאס האט זיי טאקי געהאלפען און זיי זענען ניצול געווארען. נאכדעם האבען זיי געהערט ווי א קול שרייעט: סיתר"א סיתר"א קמיית"א חול"י חול"י איהר אויבערשטע בעלי דינים בלייבט אויבען אין הימעל און איהר נידערט נישט אראפ זעהען ווי דער דין פונ׳ם הימעל האט דא נישט קיין שליטה דען זיי ווייסען שוין איהם מבטל צו זיין. ר׳ אחא איז — אין די צייט וואס דאס קול האט די אויבענדערמאהנטע ווערטער געזאגט — געשלאפען, און אין שלאף האט ער געהערט ווי מען האט צו איהם געזאגט: אז דו האסט שוין יא אזוי געטהון, דארפסטו געהן צו זיי און זיי זאגען אז זיי זאלען תשובה טהוען ווארום זיי זענען גרויסע רשעים. ער איז פון זיין שלאף אויפגעשטאנען און איז צו זיי געגאנגען און ער האט זיי געהייסען תשובה טהוען און זיי האבען אויף זיך גענומען פרום צו ווערען און נישט צו בעלאמוטשען פון לערנען, נאר אין די לעדיגע צייט צו זיצען און לערנען, און זיי האבען זייער ארט וואס זיי האבען געוואהנט א נאמען געגעבען „מתא מחסיא" דאס מיינט מען די שטאדט וואס גאט האט אויף איהר חס געהאט און איהר און צו איהרע מענטשען געטהוען גרויסע נסים.

## 29.

# אליהו הנביא.

רבי תנחום איז אמאהל געגאנגען אין וועג און האט געטראפפען צו אליהו. ער האט איהם געפרעגט וועלכע זאך איז גוט פאר דעם מענטשען פון דער וועלט, האט אליהו געענטפערט אז דער אויבערשטער האט אינ'ם הימעל גוזר געוועזען מיט א שבועה אז אין וועלכע צייט וואס יודען וועלען דערמאנען די קרבנות אזוי ווי משה רבינו האט זיי געזאגט צו די יודען וועט עס זיי צו אלעם העלפען, אפילו אז די מלאכים וועלען שטעהן און דערמאנען זייערע זינדען וועט עס זיי אויך גאר נישט העלפען, און וועלען דעם מענטשען מוזען מזכיר זיין צום גוטען. אויך — האט אליהו צו איהם געזאגט — אז עס איז פערהאנען חלילה אנ'עונש מיתה רחמנא ליצלן אויף דער וועלט, איז פערהאנען א כרוז אינ'ם הימעל אז, ווען מיינע קינדער געהען אין די בתי מדרשים און אין בתי כנסיות און זאגען דעם ענין פון „קטורת הסמים" מיט א גוטע כונה, ווערט דער עונש באלד בטל.

## 30.

# דער מלאך המות.

רבי אלעזר מיט ר' יוסי'ן זענען אמאהל געקומען צו רבי שמעון. רבי שמעון אז ער האט זיי דערזעהען האט ער צו זיך צוגערופען זיין זוהן רבי אלעזר און האט צו איהם געזאגט: מיין זוהן אלעזר דו, און דיין גאנצע חברותא זאלט דא אין שטוב זיך אויפהאלטען דריי טאג נאכנאנד, און איהר זאלט אייך נישט ארויס ווייזען אויף די גאס. ווייל דער מלאך המות איז איצטער פערהאנען אין שטאדט און צו איהם איז געגעבען געווארען רשות צו פערדארבען וועמען ער וויל. און נישט בלויז דאס איז צו איהם געגעבען געווארען, נאר אז א מענטש ווייזט זיך פאר איהם געהט ער ארויף אין הימעל און דערזאגט אויבען זיינע חטאים און איז מקטרג אויף איהם, און וויל א משפט פונ'ם אייבערשטען, און ער געהט נישט פריהער אוועק ביז וואנען ער בעקומט רשות דעם מענטשען צו טוידטען. נאכהער האט רבי שמעון ווייטער צו זיי געזאגט: איך שווער ביי דעם שם „אלהים" אז דאס רוב מענטשען פון דער וועלט שטארבען פריהער ווי זייער צייט איז, ווייל זיי ווייסען נישט ווי אזוי זיי זאלען זיך היטען. ווארום אין דער צייט וואס מען טראגט דעם „ארון המת" אויפ'ן בית החיים איז דער מלאך המות פערהאן צווישען די ווייבער, ווארום אזוי איז זיין פיהרונג פון דער צייט וואס ער האט איבער גערעדט אונזער מוטער חוה און האט מיט איהר גורם געוועזען א מיתה אויף דער וועלט. דאריבער אז ער טוידט א מענטש און ווייבער געפינען זיך דערביי, איז אויך ער דארטען פערהאן ביז

וועגען זיי קערהרען זיך אים אהיים און ער האט רשות צו מזיק זיין וועמען ער וויל נאר, און דאריבער איז ער גורם א מיתה צו פיעל מענטשען נאך איידער זייער צייט איז געקומען. אזוי שטייט אינ'ם פסוק „ויש נספה בלא משפט" א טהייל מענטשען שטארבען אהן א משפט און נאך איידער זייער צייט איז געקומען. — ער האט זיי געזאגט ווי אזוי מען ווערט ניצול פון איהם: ווען מען טראגט דעם ארון המת אויפ'ן בית החיים ארויס, זאלען די מענטשען וואס נעהען גראדע פערביי דעם וועג, זיך אפשטעלען און אומקערהרען זייער פנים און זאלען ווארטען ביז ס'וועט אויסקומען אז די ווייבער זאלען נעהן פאראויס. און אז זיי נעהען צוריק פונ'ם בית החיים זאלען זיי נישט נעהן מיט דעם זעלבען וועג וואס זיי זענען געגאנגען פריהער אהין, און צוליעב דעם וואס פיעל מענטשען ווייסען נישט דערפון דאריבער שטארבען זיי טאקי נאך איידער זייער צייט איז געקומען. וואלט דאך גלייכער געוועזען — האט רבי אלעזר צו זיין פאטער רבי שמעון געזאגט — מען זאל גאר נישט נעהן בעגלייטען דעם מת. אז די מלוים זענען טאקי אזוי אין א סכנה נאך וואס זאלען זיי דאס דאזיגע טהוען? האט איהם דער פאטער זיינער רבי שמעון — געענטפערט: זיי ווייסען אבער, אז דער וואס היטעט און ווייס ווי אזוי זיך צו פיהרען ביי הלוית המת, און ער היטעט טאקי הלוית המת דער איז זוכה צו האבען לאנגע יאהרען און ער איז בטוח אין חלק עולם הבא. ווארום נישט אומזיסט האט מען געפלעגט אמאהל צו שופר בלאזען ווען מען האט דעם מת ארויס געטראגען, זאלסט נישט מיינען אז דאס איז געוועזען צוליעב כבוד המת? — ניין, דאס איז געוועזען א סגולה צו מגין זיין אויף די לעבעדיגע אז זיי זאלען זיך זעהען צו היטען. און צו מבלבל זיין דעם מלאך המות.

## 31.

## אליהו הנביא מיט א שליחות פונ'ם הימעל צו רבי שמעון.

רבי שמעון איז געגאנגען קיין טבריה, אויפ'ן וועג האט איהם אליהו געטראפען און האט איהם אפגעגעבען—שלום. רבי שמעון האט איהם געפרעגט אין וואס די שכינה איז עוסק איצטער אין הימעל, האט ער געענטפערט אז אין „פרשת הקרבנות" איז די שכינה איצטער עוסק. ער האט איהם דערצעהלט אז אין הימעל זאגט מען איצטער די חידושים וואס ער האט דא אויף די ערד מחדש געוועזען. אליהו האט צו איהם געזאגט: וואויל איז צו דיר רבי שמעון, איך בין עקסטרא צו דיר פונ'ם הימעל געקומען און האב דיר מקדים געוועזען שלום אום דיר א שאלה צו פרעגען. פרעג נאר וואס די ווילסט האט איהם רבי שמעון געענטפערט. אליהו האט איהם געפרעגט און ער האט איהם אלסדינג פארענטפערט.

## 32.

# דער מענטש מיט די צרעת אויפ'ן פנים.

רבי חייא מיט רבי יוסי זענען געגאנגען אין וועג. געהענדיג האבען זיי באגעגענט א מענטש וואס האט געהאט א פנים פיעל מיט צרעת. זיי האבען איינער צום אנדערען געזאגט אז דער מענטש מוז זיין א זינדיגער בעוויייל דאס צרעת איז איהם אויפ'ן פנים. זיי זענען צו איהם צוגעגאנגען און האבען איהם געפרעגט ווער ער איז האט ער געענטפערט אז ער איז א יוד. נאכהער האט רבי יוסי געזאגט צו רבי חייא: א ראיה האב איך אז דער מענטש איז א זינדיגער פון דעם וואס ער האט דאס צרעת אויפ'ן פנים. עס איז פערהאנען יסורים של אהבה וואס דער אייבערשטער שטראפט דעם מענטשען איז אזוי: צום ערשטען שטראפט ער איהם מיט יסורים אין די ביינער און רעכענט אז אפשר וועט ער זיך מיישב זיין און וועט שוין תשובה טהוען. ווי באלד אז דאס העלפט ניט, ער האט נאך ניט תשובה געטהון, שטראפט ער איהם מיט א צרעת אויפ'ן לייב, וואס דאס איז נאך אויך פערבארגען פון מענטשען און ווי באלד אז די צוויי שטראף פועל'ן נאך ניט שטראפט ער איהם עפענטליך אויפ'ן פנים כדי אלע מענטשין זאלען זעהען אז דער איז א זינדיגער. און א מענטש ברויך זיך אויך אזוי צו פיהרען ווען ער געהט זיין צווייטען חבר זאגען מוסר. — דער מענטש וואס האט געהאט די צרעת אויפ'ן פנים האט צו זיי געזאגט: לויט ווי איך זעה מוזט איהר א ודאי זיין פון רבי שמעון בן יוחאי'ס שטוב מענטשען וואס זיי האבען פאר קיינעם ניט קיין מורא און זאגען אלעס אין די אויגען אריין. איהר ווילט אויף מיר מאכען א בונד ווען מיינע קינדער זאלען דא זיין וואלטען זיי זיך אנגענומען פאר מיר. רבי חייא האט איהם געענטפערט: ווען מיר וואלטען זיך פאר דיר געשראקען וואלטען מיר זיך געשעמט פאר'ן אויבערשטען אויף יענע וועלט. דער מענטש וואס זיין פנים איז געוועזען מיט צרעת האט אויפגעהויבען זיינע הענד און האט שטארק אנגהויבען צו וויינען, דערוויל זענען אנגעקומען זיינע קינדער. דער קלענסטער פון זיינע קינדער איז צו זיי צוגעגאנגען און האט צו זיי געזאגט: דאס רוב ווערט גיכער פערלוירען דער צדיק אין זיין צדקות ווי איידער דער רשע אין זיין רשעות ווי קומט דאס עפים אז עס זאל אזוי זיין? עס איז דא פיעל רשעים וואס דער „דין" הענגט איבער זיי און דער צדיק ווערט גאר געשטראפט פאר זיי, אזוי ווי מיין פאטער איז געשטראפט געווארען איבער זיינע שטאדטס לייט. זיי זענען אלע געוועזען גרויסע „חצופים" אנטקעגען איהם און ער האט זיי גאר ניט מתרה געוועזען און האט זיי ניט גע-שטראפט און ער האט זיי ניט פארשעמט, וויל ער פלעגט אלע מאהל זאגען „לדוד אל תתחר במרעים" און דאריבער האט ער זיי ניט פארשעמט און צוליעב דעם איז ער געשטראפט געווארען פאר זיי. דער פאטער זיינער (דער וואס זיין פנים איז געוועזען מיט צרעת) האט זיך אנגערופען: יא, יא, צוליעב דעם בין איך טאקי געשטראפט געווארען, וויל איך האב געהאט רשות זיי צו שטראפען עפענטליך און איך פערבארגעניש און האב דאס קיינמאהל ניט געטהון. נאכהער האט דער אנדערער זוהן זיינער געזאגט גרויסע סודות און האט אלץ פערטיידיגט דעם פאטער זיינעם.

רבי חייא מיט רבי יוסי אַז זיי האָבען דאָס אַלעס אויסגעהערט האָבען זיי פערשטאַנען אַז דאָס איז טאַקי נישט קיין חוטאים נאָר ס'איז אֶמת דאָס וואָס זיי זאָגען, זענען זיי אַראָפּ פון זייערע אייזלען און זענען צו, צו דעם מענטש און האָבען איהם הערצליך געקושט, און דעם גאַנצען וועג זענען זיי שוין געגאַנגען מיט איהם.

## 33.

## די היל פון די מְכַשְׁפִים.

רבי יצחק איז געגאַנגען צו זיין פאָטער וואָס האָט געוואָהנט אין „קפוטקיא", אויפ'ן וועג האָט ער געזעהען ווי איינער געהט און טראָגט אַ גרויסע משא אויף זיינע אַקסלען. ער פרעגט איהם וואו ער געהט און צו וואָס ער טראָגט דאָס נאָר יענער ענטפערט איהם נישט רבי יצחק, זעהענדיג אַז דער מענטש ענטפערט איהם נישט איז געוואָרען זעהר טשיקאַווע און האָט בעשלאָסען דיזען מענטשען נאָכצוגעהן טריט ביי טריט. ער איז מיט איהם אָפּגעגאַנגען אַ היבשעס שטיקעל וועג'ס ביז וואַנען יענער איז אַריין אין אַ היל, און רבי יצחק איז אויך אין די זעלבע היל אַריין געגאַנגען. אינוועניג האָט ער געזעהען ווי אַ שטאַרקער רויך זעצט אַרויס און דער מענטש איז אַריין אין אַ לאָך פון די ערד און פון דאָרטען אין אַ צווייטע היל אַריין, און אויגענבליקליך איז דער מענטש פון איהם פערשוואונדען געוואָרען. רבי יצחק האָט מורא געקריגען און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער היל און האָט זיך אויף די היל אַנידער געזעצט זיך אָברוהען. דערווייל איז דורך דעם וועג אַדורך געגאַנגען רבי יהודא מיט רבי חזקיה. ער דערצעהלט זיי די גאַנצע מעשה, אויסהערענדיג דאָס, האָט רבי יהודא געזאָגט צו רבי יצחק'ן: געלויבט איז השי"ת וואָס ער האָט דיך דאָ מציל געוועזען, די האָסט געקענט דאָ גאַנץ לייכט אַריין פאַלען, בעווייל זיי וויסען אַז די היל איז פון די שטאָדט טרוניא, וואָס דאָרטען זענען אַלע מענטשען גרויסע מכשפים, און אַזוי ווי צווישען זיי איז דאָ פיעל מצורעים, איז אַלס רפואה, געהען זיי אין דער מדבר דאָרטען קלויבען זיי פונאַנדער שוואַרצע שלאַנגען וואָס זענען עלטער פון צעהן יאָהר, און מיט די שלאַנגען טהוען זיי גרויסע כשפים אין די היל, טאַקי אין די זעלבע היל וואָס דו ביזט געוועזען מיט יעניגען מענטשען דאָרטען. זיי אַלע דריי, נעמליך: רבי יצחק, רבי יהודא און רבי חזקיה זענען אַוועק פון דעם אָרט געגאַנגען און האָבען צווישען זיך געשמועסט, אויפ'ן וועג האָבען זיי געזעהען ווי איינער געהט און שלעפּט אַנ'אייזעל, זיי שטעלען איהם אָפּ, פרעגען איהם ווער ער איז? איך בין אַ יוד — וואַר זיין אַנטוואָרט — און אָט דאָ פיהר איך מיט, מיט זיך מיינעם אַ יונגעל אָנגעבינדען אָן דעם אייזעל. זיי האָבען איהם שוין נישט אָפּגעלאָזט, ווייל זיי האָבען געזעהען אַז דאָס איז נישט עפּיס אַזוי פּראָסט, און ער האָט זיי געמוזט אַלסדינג דערצעהלען.

ער האָט זיי דערצעהלט: שוין דריי יאָהר ווי איך וואָהן אין אַ דאָרף, אין די שטוב וואָס איך וואָהן איז קיינער נישטאָ אויסער, איך און מיין זוהן. מיין זוהן —

לערענט, אַלע טאָג ווען ער קומט אַהיים פון זיין לערנען, איז זיין מנהג: איבער־
צוחזר'ן דאָס געלערענטע, היינט איז ער אַהיים געקומען און האָט אויך געטהוען אַזוי
ווי תמיד, פּלוצלינג איז געקומען אַ רוח און האָט איהם מזיק געוועזען! זיינע הענד,
אויגען און דאָס מויל זענען איהם נעבעך פאַרקריממט געוואָרען. יעצט גיה איך
מיט איהם צו די הייל „סגור טרוניא” און מעגליך אַז זיי וועלען איהם קענען היילען. רבי
יהודא פרעגט צו איז ניט אַמאָהל זיין הויז גורם צו אַזעלכע מזיקים, אָדער צו
האָט זיך שוין אַמאָהל אַזוינס דאָרטען פּאַסירט, און ער ענטפערט אַז יאָ, איינמאָהל
איז טאַקי איינער דאָרטען ניזוק געוואָרען נאָר עס איז שוין אָבער גאַנץ לאַנג. פיעל
מענטשען האָבען שוין אין יענע דירה פון דאַמאָלסט אָן, נאָך יענעם אומגליק געוואָהנט,
און ס'האָט קיינעם ניט געשאַדעט. דאָס איז — זאָגט רבי יהודה צו איהם —
מחמת זיי זענען עובר אויף דעם וואָס די חכמים האָבען געזאָגט. און רבי יהודא
האָט אָנגעהויבען צו זאָגען גרויסע סודות. נאָכהער האָט ער געזאָגט לאָמיר איהם
נאָכגעהן. זעהען וואָס ער וועט טהוען. רבי יצחק האָט געזאָגט צו רבי יהודא'ן,
עס איז אַפילו אסור מיט איהם צוגעהן ווייל ער הייסט אַ חוטא. ווען ער וואָלט
געגאַנגען נעמען אַ רפואה פון אַ ירא שמים וואָלטען מיר זיך געמעגט מיט איהם
באַהעלפען, אַזוי אָבער, טאָהרען מיר בפירוש מיט איהם ניט געהן און זיי זענען
זיך אַוועק געגאַנגען זייער וועג. זיי האָבען געדאַנקען צום אויבערשטען דערפאַר וואָס
זיי זענען חלילה צו איהם ניט אַריינגעפאַלען: זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקעל
ווענס האָבען זיי געזעהען ווי דער מענטש איז אַריינגעגאַנגען אין די הייל און בעת
ער האָט געוואָלט דעם זוהן אויך אַריין נעמען, איז פון די הייל אַרויס אַ פייער
און עס האָט דעם זוהן פאַרברענגט צום טוידט. דער פאָטער איז פון די הייל אַרויס־
געגאַנגען און גענומען זיין טוידטען זוהן און ער האָט איהם אויף דעם איזעל אַרויף
געלייגט און איז מיט איהם צוריק אין דאָרף אַריין געפאָהרען. אויפ'ן וועג האָט ער גע־
טראָפען רבי יצחק, רבי יהודא און רבי חזקיה און ער האָט זיי דאָס אַלעס דער־
צעהלט. זיי האָבען איהם געענטפערט: געלויבט איז גאָט און געלויבט איז זיין
ליעבער נאָמען דאָס אַלעס וואָס ער טהוט איז מיט גערעכטיגקייט.

# 34.

## אַ מעשׂה מיט אַ קבר וואָס ס'האָט געשטורימט.

רבי חזקיה און רבי ייסא זענען געגאַנגען קיין „גוש חלב”, דאָרטען האָבען זיי
זיך נידערגעזעצט אָפּרוהען אויף אַ קבר, די שטאָדט איז דעמאָלסט געוועזען חרוב.
זיצענדיג אַ ווייַלע אויפ'ן קבר האָבען זיי געהערט ווי דאָס קבר הויבט אָן זעהר
שרעקליך צו שטורימען: „וויי וויי וואָס די וועלט רוהט היינט אין צער” איך זעה
אַז אַ ספר איז דאָ צו מיר אַנטפּלעקט געוואָרען. (ווייל רבי ייסא האָט מיט זיך
געהאַט אַ שטיקעל פּאַרמעט פון אַ ספר תורה) דאָס קול איז אַ מינוט שטיל געוועזען
נאָכהער האָט עס ווידער געשריען: „אפשר זענט איהר לעבעדיגע געקומען קאַמאַוויעס

טרייבען פון אונז טוידטע"? — רבי חזקיה האָט איהם געפרעגט ווער ער איז, האָט ער געענטפערט אַז ער איז אַ מת וואָס ליעגט דאָ אין דעם קבר וואָס זיי זיצען דער־נעבען. רבי חזקיה פרעגט איהם ווייטער פאַרוואָס ער האָט עפּיס אַזוי געשטורימט? האָט ער געענטפערט: איך האָב געשטורימט צוליעב דעם וואָס איך האָב מורא געהאַט אַז כ'וועל נישט קענען אויספיהרען ס'מיינינגע. וואָרום אַזוי איז געוועזען דער מנהג פון דער וועלט אַז ווען זיי זענען געוועזען אין אַ צער, זענען זיי דאָ אַהער געקומען מיט אַ ספר תורה אין דערהאַנד און האָבען אונז אַלסדינג דערצעהלט. אַז מיר האָבען שוין אַלסדינג געוואוסט זענען מיר געוועזען די ערשטע וואָס מיר האָבען דאָס דערצעהלט אונזערע אָבות פון די שטאָרט הברון און זיי האָבען עס מודיע גע־וועזען צו די „רוחות הצדיקים". נאָך דעם האָט מען געפונען אַז די ספר תורה איז געוועזען אַ פּסולע, ס'איז אין איהר געוועזען אַנ'איבעריגע ו' אין דעם פסוק „ושוסעת שסע שתי פרסות" האָבען די צדיקים געזאָגט אַז ווייל זיי האָבען ליעגנער געזאָגט „בשם המלך" און מיר האָבען זיי אומזיסט אויף געוועקט, האָבען זיי אונז מרחה געוועזען פון דער ישיבה, ביז אַנ'אַלטער מאַנן וואָס איז געוועזען צווישען זיי האָט געבראַכט אַ ספר תורה פון „רב המנונא" איז דערוועקט געוואָרען רבי אֶלעזר בר' שמעון וואָס איז געוועזען מיט אונז באַגראָבען און ער איז געגאַנגען אין גן עדן אַריין און האָט מתפלל געוועזען זענען זיי געהיילט געוואָרען. און פון דעם טאָג אָן וואָס מען האָט רבי אֶלעזר'ן פון אונז צוגענומען און מען האָט איהם אויפגעבראַכט צו זיין פאָטער אין די הייל אַריין, איז שוין קיינער נישטאָ וואָס זאָל זיך וועלען איינשטעלען און געהן וועקען די אָבות. בעווייל מיר האָבען מורא מאָמער וועלען מיר ווידער געשטראָפט ווערען. היינט זענט איהר געקומען צו אונז מיט אַ שטיקעל ספר תורה אין דערהאַנד האָבען מיר מורא געהאַט טאָמער באַדאַרף די וועלט אתזער טובה און מיר וועלען עס נישט קענען טהוען ווייל ווער וועט וועלען געהן וועקען די אָבות, דאַריבער האָט דאָס קבר אַזוי געשטורימט. ר' ייסא מיט רבי חזקיה האָבען געענטפערט אַז די וועלט איז חלילה נישט אין צער און נישט זיי זענען געקומען, זיי צו מבייש זיין. זיי זענען ביידע פונ'ם קבר אַוועקגעגאַנגען, און אויפ'ן וועג האָבען זיי געשמועסט אַז קיין צדיקים איז אויף די וועלט נישטאָ, שטעהט נאָר די וועלט צוליעב די תפילות פון די מתים.

---

## 35.

# דער ייד אֶלעזר מיט אַ פלעק אויפ'ן פנים.

---

רבי אבא מיט רבי יוסי זענען געגאַנגען קיין קפוטקיא און פון דערווייטענס האָבען זיי געזעהען געהן איינער וואָס אויף זיין פנים איז אויסגעוואַקסען — צייכענס. רבי אבא זאָגט צו רבי יוסי אַז מען ברויך אויסמיידען דעם וועג און נישט זיך צו

באגעגענען מיט דעם מענטש ווייל ער האט עובר געווען אויף די „עריות“ פון די תורה. רבי יוסי האט געזאגט אז מען ברויך איהם נישט אויסצומיידען ווייל מעגליך אז די פלעקען אויפ׳ן פנים זענען איהם געקומען קליינערהייד, און עס איז געבליבען אז מען זאל איהם צורופען, ווייל רבי אבא האט געזאגט אז דאס איז נישט אנדערש נאר ער האט עובר געווען אויף די עריות פון די תורה, מען האט איהם צונעמ רופען, און זיי האבען איהם געפרעגט פונוואנען ער האט די צייכענס אויפ׳ן פנים, האט ער זיי געענטפערט: איך בעט אייך דערמאנט מיך נאר נישט דערפון און איהר זאלט מיך שוין מעהר נישט שטראפען, ווייל מיינע עבירות האבען מיר גורם געווען דערצו. רבי אבא האט איהם געבעטען אז ער זאל זיי דערצעהלען די מעשה דערפון ווי אזוי עס איז מיט איהם צוגעגאנגען און ער האט אלעס דייטליך דערצעהלט. איינמאהל ווען איך מיט מיין שוועסטער זענען געווען אין וועג — האט ער זיי בתמימות דערצעהלט — און די נאכט איז אנגעקומען זענען מיר געגאנגען אין א גאסט־הויז — שלאפען. איך בין דעמסטמאהל געוועזען שכור דאדורך, וואס איך האב זיך מיט פיעל ווין אנגעטרונקען און איך האב מיט מיין שוועסטער מזנה געוועזען. בייטאג אז איך בין פון מיין גילעגער אויפגעשטאנען, האב איך געזעהען ווי דער בעל הבית קריגט זיך מיט איינעם, איך בין אריין צווישען זיי און האב זיי געוואלט שיידען, איז מען אויף מיר ארויף, און דער — אין איין זייט דער צווייטער — אין די אנדערע זייט און מען האט מיך זעהר שטארק געשלאגען, פון דעם שלאגען האב איך בעקומען א מכה אויפ׳ן פנים, די מכה איז נעגאנגען ביז׳ן מוח און איך בין דעמסטמאהל געוועזען זעהר געפעהרליך ווען נישט דער דאקטור. ווער איז דער דאקטור וואס האט דיך געראטעוועט — האבען זיי איהם איילענדיג א פרעג געטהוען — ווייל זיי האבען געוואלט שנעל אלסדינג פון איהם בעקומען. דער דאקטור וואס האט מיך געראטעוועט — האט ער געענפערט — הייסט: רבי אלעזר. זיי האבען איהם געפרעגט וואסערע רפואות ער האט איהם געגעבען, האט ער געענטפערט אז ער האט איהם געגעבען „רפואת הנפש“ דאס הייסט ער האט איהם געהייסען תשובה טהוען. פון דאמאלסט אן טהו איך אלע טאג תשובה און, ווען איך זעה מיין צייכען דורך׳ן שפיגעל הייב איך אן יאמערליך צו וויינען, און מיט די טרעהרען פון מיינע אויגען וואש איך מיר דאס פנים. רבי אבא האט אויף איהם רחמנות בעקומען און ער האט צו איהם געזאגט; אויב ס׳איז אויף דיר נאך נישט נגזר געווארען אז תשובה זאל דיר נישט פועל׳ן וועל איך דיר מאכען אז דער צייכען פון דיין פנים זאל דיר אינגאנצען אראפגיין. ער האט מיט איהם געזאגט דריי מאהל דעם פסוק „וסר עונך וחטאתך תכופר“ און דער צייכען איז פון זיין פנים באלד פערשוואונדען געווארען. רבי אבא האט צו איהם ווייטער געזאגט: הקב"ה האט דיר דעם צייכען אראפגענומען ווייל די האסט אמת׳דיג תשובה געטהוען, האט ער איהם געענטפערט אז ער טהוט א נדר, אז פון היינט און ווייטער זאל ער טאג און נאכט אין תורה עוסק זיין, רבי אבא האט איהם געפרעגט ווי ער הייסט, האט ער געזאגט אז ער הייסט — אלעזר. אזוי, אלעזר הייסטו!? — האט רבי אבא צו איהם האלב פרעגליך האלב וואונדערליך געזאגט — אויב אזוי זאלסטו וויסען אז דיין נאמען האט דיר זעהר פיעל צוגעהאלפען אז דער אויבעשטער זאל אויף דיר רחמנות בעקומען, ווייל אז די הייסט — אלעזר, אין אלעזר מאכט „אל

שער׳ דאָס אין טײַטש גאָט האָט געהאָלפען. רבי אבא האָט איהם געבענטשט און ער האָט זיך מיט איהם געשײַדט.

## 36.

## דער שלאַנג וואָס פערגיפטעט מענטשען.

רבי אֶלעזר מיט זײַן חברותא זענען געגאַנגען אין וועג. דער טאָג איז דאַמאָלסט געװעזען זעהר א הייסער, און די זון האָט שרעקליך יעדען איינציגען געברענט. פון דערווײַטענס האָבען זיי דערזעהען א פעלד וואָס איז געוועזען מיט פיעל זעהר שעהנע קרײַטעכער און אויך א קוואַל וואַסער איז דאָרט געוועזען, האָבען זיי זיך דאָרטען געזעצט אָפּרוהען. רבי אֶלעזר האָט שטאַרק בעוואונדערט דאָס אָרט וואָס זיי זענען דערויף געזעסען און ער האָט געזאָגט: ווי א שעהן אָרט דאָס איז, דאָ איז טאַקי גוט זיך אָפּצורוהען. אזוי ווי זיי זיצען זעהען זיי ווי א גרויסער שלאַנג איז מיט א שרעקליכע אומפעט פאַר זיי אדורך געלאָפען, רבי אֶלעזר דערזעהענדיג דעם שלאַנג האָט ער געזאָגט: די שלאַנג דו, קעהר אָפּ פון דײַן וועג, וואָרום דער מענטש האָט שוין געטהוען תשובה און האָט חרטה אויף זײַן עבירה וואָס ער האָט געטהוען, און ער וועט ווײַטער שוין אזוי נישט טהוען. די חברותא וואָס רבי אֶלעזר איז געוועזען צווישען האָבען זיך אויף זײַנע רייד שטאַרק געוואונדערט און רבי אבא האָט איהם געפרעגט וואָס און וועמען ער האָט געמיינט האָט רבי אֶלעזר געזאָגט: „שווײַגט נאָר שטיל“ און ער האָט ווײַטער גערעדט צום שלאַנג: שלאַנג, שלאַנג, נאָכדעם ווי מען האָט דיר געגעבען רשות דעם מענטש צו הרג'נען האָט ער חרטה געהאַט און ער האָט שוין תשובה געטהוען און האָט אויף זיך גענומען מעהר אזוי שוין נישט צו טהוען, דאַריבער געה צוריק פון דעם וועג. דער שלאַנג איז געבליבען שטעהן אויף אַן אָרט און האָט זיך פון דעם אָרט נישט אוועק גע־ריהרט. רבי אֶלעזר האָט דאָס אַלעס גוט בעמערקט און האָט צום שלאַנג ווידער געזאָגט: שלאַנג, שלאַנג, איך ווײס גאַנץ גוט וואָס די ווילסט טהוען געה אוועק פון דעם וועג דאָ אויף אַן אַנדער אָרט בײַ דער הייל ליעגט א רשע און שלאָפט, זיי איהם ממית אויף יענעם'ס אָרט. באַלד איז דער שלאַנג געלאָפען און געשפרונגען ריקוועגס. — רבי אֶלעזר האָט נאָכהער צו זײַן חברותא געזאָגט, ווען איך וואָלט מיך נישט באַרעכענט וואָלט דער שלאַנג פיעל שלעכטס אָפּגעטהוען, די מעשה דערפון איז אזוי: א יוד האָט געטהוען אַן עבירה און האָט באַלד חרטה געהאַט און תשובה געטהוען אויף זײַנע שלעכטע מעשים, און דערווײַל איידער ער האָט חרטה געקריגען אויף זײַנע מעשים רעים האָט מען איהם הימעל געגעבען רשות דעם שלאַנג ער זאָל איהם הרג'נען, נאָר אזוי ווי ער האָט אויף זיך גענומען מעהר שוין נישט צו זינדיגען איז ער ניצול געוואָרען. פרעגען איהם (רבי אֶלעזר) די חברותא פונוואַנען האָט ער דאָס אַלסדינג געוואוסט האָט ער זיי געענטפערט אַז זײַן פאָטער (רבי שמעון) האָט איהם איבערגעגעבען א סימן צו דעם, און דורך

דעם סימן האָט עֶר אַלץ פֶערשטאַנעֶן. אַלץ אִיז רעֶכט — האָבעֶן זַיי צוּ אִיהם געֶזאָגט — אָבעֶר וויִ אַזוֹי האָסטוּ געֶוויִסט אַז דעֶר מעֶנטש האָט שׁוֹין תשובה געֶטהוּעֶן? בעת דעֶר שלאַנג — האָט רבי אֶלעזר צוּ זַיי געֶזאָגט — אִיז געֶלאָפעֶן מִיט גרוֹיס אַיילעֶנִישׁ אוּן מִיט גרוֹיס רוגז אִיז אַיין רוח פאַראוֹיס אִיהם געֶלאָפעֶן אוּן האָט געֶרוּפעֶן דעֶם שלאַנג אוּן האָט אִיהם געֶזאָגט אַז עֶר זאָל זִיךְ אוּמקעֶהרעֶן פוּנ'ם וועֶג וואָרוּם דעֶר מעֶנטש האָט שׁוֹין תשובה געֶטהוּעֶן, נאָר דעֶר שלעֶכטעֶר שלאַנג האָט נִישׁט געֶוואָלט הערעֶן אוּן האָט שׁוֹין געֶוואָלט אוֹיספִיהרעֶן זַיין שליחות. אַלעֶנפאַלס האָט עֶר געֶוואָלט אַז מעֶן זאָל אִיבעֶרגעֶבעֶן אַנ'אַנדעֶרעֶן מעֶנטש אוֹיף זַיין אָרט. — אוּן וויִ אַזוֹי האָסטוּ געֶוואוּסט — האָבעֶן דיִ חברותא צוּ רבי אֶלעזר'ן געֶזאָגט — אַז דאָרטעֶן געֶבעֶן דיִ הַייל ליִעגט אַ רשע. אַ חוטא? האָט זַיי רבי אֶלעזר געֶעֶנטפעֶרט: אִין דעֶרצַייט וואָס דעֶר רוח אִיז געֶגאַנגעֶן נאָכ'ן שלאַנג האָב אִיךְ געֶהעֶרט וויִ עֶר האָט אוֹיסגעֶרוּפעֶן: דעֶם מעֶנטש הרג'עֶ שׁוֹין נִישׁט ווַייל עֶר האָט שׁוֹין תשובה געֶטהוּעֶן נאָר דאָרטעֶן געֶבעֶן דעֶר הַייל ליִעגט אַ רשע געֶה אַהִינצוּ אוּן הארגעֶ יעֶנעֶמעֶן. אוּן וויִ באַלד אִיהר ווִילט קוּמט־זשעֶ ווֶעלעֶן מִיר זעֶהעֶן וואָס דעֶר שלאַנג האָט דאָרטעֶן אָפּגעֶטהוּעֶן. זַיי זעֶנעֶן אַהִינגעֶגאַנגעֶן צוּ דיִ הַייל אוּן האָבעֶן דאָרטעֶן געֶטראָפעֶן ליִגעֶן דעֶם רשע אַ געֶהארגעֶטעֶן אוּן דעֶר שלאַנג אִיז אִיהם אַרוּמגעֶוויִקעֶלט אוֹיפ'ן האַלדז. זַיי האָבעֶן בַּיים רשע געֶפוּנעֶן אַ בַּייטעֶל מִיט געֶלד וואָס עֶר האָט פוּן יעֶנעֶם אַוועֶקגעֶגנבט אוּן האָט נאָךְ יעֶנעֶם געֶשלאָגעֶן אוֹיךְ. רבי אֶלעזר האָט געֶזאָגט: „געֶלוֹיבט אִיז דעֶר אוֹיבעֶרשטעֶר וואָס עֶר האָט פִיעל שלוחים צוּ שטראָפעֶן דעֶם חוטא" זַיי האָבעֶן זִיךְ אוּמגעֶקעֶהרט צוּריִק צוּ זַייעֶר אָרט (אִין פעֶלד אַרַיין) וויִ זַיי זעֶנעֶן געֶזעֶסעֶן אוּן רבי אֶלעזר האָט אָנגעֶהוֹיבעֶן זאָגעֶן סודות אוֹיף דיִ תורה.

אַזוֹי וויִ זַיי זִיצעֶן אוּן זעֶנעֶן עוסק אִינ'ם לעֶרנעֶן קוּמט צוּלוֹיפעֶן אַ יוּד, שרעֶקלִיךְ מִיעֶד (דאָס אִיז געֶוועֶזעֶן דעֶר יוּד וואָס דעֶר געֶהרג'עטעֶר רשע האָט אִיהם צוּגעֶנוּמעֶן דאָס בַּייטעֶל געֶלד אוּן האָט אִיהם געֶהרגט) אוּן זעֶצט זִיךְ נִעֶבעֶן זַיי אָפּרוּהעֶן, אַבִּיסעֶל שפּעֶטעֶר האָט דעֶר יוּד אָנגעֶהוֹיבעֶן בּעֶטעֶן בַּיים רבונו של עולם אַז עֶר זאָל אוֹיף אִיהם מצדיק דין זַיין. וואָרוּם — האָט דעֶר יוּד געֶזאָגט — אִיךְ האָב הלילה נִישׁט קיין צעֶר אוֹיפ'ן געֶלד וואָס מעֶן האָט מִיר צוּגעֶנוּמעֶן, וואָרוּם מן הסתם האָט דאָךְ בּעֶדאַרפט אַזוֹי צוּ זַיין, נאָר דאָס אֵיינעֶ אִיז מִיר שלעֶכט: וויִ ווֶעל אִיךְ נעֶמעֶן עֶפּיס געֶלד מִיט וואָס צוּ דעֶרנעֶהרעֶן מַיינעֶ אַלטעֶ פאָטעֶר אוּן מוּטעֶר, נאָךְ עֶרגעֶר אִיז מִיר דאָס וואָס צווִישעֶן דיִ געֶלד אִיז געֶלעֶגעֶן געֶלד פוּן אַנ'אָרִימאַן וואָס עֶר בּעֶדאַרף דעֶרמִיט חתונה מאַכעֶן זַיין אָרִימעֶ טאָכטעֶר, וואָס ווֶעל אִיךְ אִיצטעֶר טהוּעֶן? עֶר זִיצט אוּן ווַיינט זעֶהר יאָמעֶרלִעךְ. רבי אֶלעזר מִיט דעֶר חברותא זעֶנעֶן צוּ אִיהם צוּגעֶגאַנגעֶן, אוּן האָבעֶן צוּ אִיהם געֶזאָגט אַז עֶר זאָל זִיךְ גאָר נִישׁט שרעֶקעֶן, אוּן זַיי האָבעֶן אִיהם געֶזאָגט דיִ בִּיזט אַנ'אֶמת'עֶר צדיק וואָס דעֶר אוֹיבעֶרשטעֶר האָט דִיר אַזאַ נס געֶטהוּעֶן, נעֶם צוּם עֶרשטעֶן דַיין געֶלד אוּן נאַכהעֶר קוּם ווֶעלעֶן מִיר דִיר ווַייזעֶן דַיין נס וואָס אִיז דִיר געֶשעֶהעֶן. זַיי האָבעֶן אִיהם צוּגעֶפִיהרט צוּם געֶהרג'עטעֶן גזלן. זַיי האָבעֶן געֶזעֶהעֶן וויִ דעֶר שלאַנג ליִעגט נאָךְ אַלץ אוֹיפ'ן גזלן, נאָר שׁוֹין אַוועֶק — האָט רבי אֶלעזר צוּם שלאַנג געֶזאָגט — אוּן פאַר־בּאָרג זִיךְ וואָרוּם מִיר האָבעֶן שׁוֹין דַיינעֶ זאַכעֶן געֶזעֶהעֶן דרַיי מאָהל, דעֶר שלאַנג האָט אַראָפּ געֶווִיקעֶלט דעֶם קאָפּ אוּן אִיז אַוועֶק געֶגאַנגעֶן. — דעֶר אָרִימאַן אַז עֶר האָט דאָס אַלעֶרִיגעֶ געֶזעֶהעֶן

זײַנע אײנענע אויגען געזעהען האָט ער געקושט רבי אֶלעזר'ן אין די הענד און האָט געזאָגט: יעצט זעה איך אַז אין אײער זכות און אין מײַן פאָטער און מוטער'ס זכות איז מיר דאָס נס געשעהען, און ער האָט זײ געװיזען דאָס געלד װאָס דער אָרימאַן האָט איהם געגעבען צו האַלטען, אויך האָט ער זײ געװיזען די צײכענס און קײטע װאָס דער גזלן האָט איהם געמאַכט, און רבי אֶלעזר האָט אויף איהם מתפלל געװעזען, און ער איז אויסגעהײלט געװאָרען.

נאָכהער האָט רבי אֶלעזר געזאָגט צו דעם יוד, געה אַהין צום גזלן װעסטו זעהען, אַז ער האָט נאָך אַ בײַטעל מיט געלד, װאָס זײַן זוהן (דעם גזלנ'ס) האָט איהם געבראַכט פון אַ שיף, װאָס ער (דעם גזלנ'ס זוהן) האָט דאָרטען בעראַבירועט אַ סוחר'ס אַ זוהן מיט'ן נאָמען שמעון, און גיב עס אָפּ צו זײַן פאָטער. נאָר די קלײדער זאָלסטו פון גזלן'ן נישט צונעמען. דער אָרימאַן האָט זיך געזעגענט מיט די חבריתא און ער איז אַהין געגאַנגען צו דעם סוחר, און האָט איהם אַװעק געגעבען זײַן זוהנ'ס געלד.

די חברותא האָט יעצט געפרעגט רבי אֶלעזר'ן װי אַזוי ער האָט געװאוסט װעגען דער בײַטעל געלד איז? האָט ער געענטפערט: אַז דאָס איז נישט געװעזען דורך אַ סימן נאָר אַ'ג'ם כח פון זײַן רוח און נשמה האָט ער דאָס אַלסדינג געװאוסט.

## 37.

# רַבִּי יְהוּדָא מִיט רַבִּ'ן שִׁמְעוֹן שְׁמוּעסֶען אִין לֶערְנֶען.

רבי יהודא מיט רבי שמעון זענען געװעזען אין װעג האָט רבי יהודא איהם געפרעגט אַ פסוק פון תנ"ך. געה אַראָפּ פון דײַן אײזעל — האָט רבי שמעון געזאָגט צו רבי יהודא'ן — װעל איך דיר זאָגען דברי תורה, װאָרום דו װעסט קענען בעסער מכװן זײַן. דאָ שװער איך — האָט רבי שמעון װײַטער געזאָגט צו רבי יהודא'ן — אַז די גאַנצע װעלט איז נישט מעהר װי די חכמים װאָס זײ זענען זיך משתדל אין די תורה און װײסען די סודות פון דער תורה.

## 38.

# אַװאוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ יוּד װָאס עֶר אִיז גֶעװָארֶען רֶבִּי.

אײנמאָהל איז רבי אבא געגאַנגען צו רבי שמעון, איז ער אדורך געגאַנגען פאַרבײַ אַ שטאָרט װאָס דאָרטען איז געזעסען אײנער און האָט געלערנט מיט אַ'עולם. רבי אבא האָט זיך אָפּגעשטעלט הערען די טהײַערע פעריל װאָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַ זיס מול. ער האָט געדרשנט אויף אַ קאַפּיטל אין תהלים, און ער האָט

געגעבען דעם עולם צום פארשטעהן אז, דאס וואס דער מענטש מוז אזא צייכען בעקומט ער אויפ'ן פנים, מהוט ער גוטס ווייזט דער צייכען, אז מען איז פון איהם צופריעדען אויף ביידע וועלטען; טאמער חלילה טהוט ער שלעכט'ס ווערט ער דערווייטערט פון ביידע וועלטען, און ווער שמועסט אז איינער האט געהאט א קינד על ידי טומאה, איז נישט גענוג וואס ער האט א צייכען, נאר זיין קינד האט אויך א צייכען אז ער איז פון א טומאה. און ווייטער האט ער געזאגט: ווי איז צו דעם נפש וואס מאכט ירשנען אזא ביטערקייט צו זיינע קינדער. רבי אבא איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם זאגען פון וועמען ער האט דאס אלעס מקבל געוועזען, ער האט איהם דערצעהלט אז ער האט אויך א מאהל געהאט א צייכען אויפ'ן פנים וואס אלע האבען אין איהם דערקענט וואס דער חטא זיינער איז געוועזען, און ער האט איהם געזאגט זיין חטא און ווי אזוי ער איז געהיילט געווארען דערפון. רבי אבא האט איהם געפרעגט ווי ער הייסט האט ער געענטפערט אז ער הייסט — אלעזר. רבי אבא אז ער האט פון איהם געהערט אז זיין נאמען איז אלעזר, האט ער זיך דערמאנט אז דאס מוז זיין דער איינגער וואס ער (רבי אבא) איז געוועזען זיין דאקטור און ער האט געזאגט געלויבט איז דער אויבערשטער אז איך האב זוכה געוועזען דיך צוזעהען אין אזא גוטען מעמד, און וואויל איז דיין חלק אויף ביידע וועלטען, זיי וויסען — האט רבי אבא צו איהם ווייטער געזאגט — אז איך בין דאס דער יעניגער וואס האט דיר דיין פנים פונ'ם צייכען געהיילט. — ער (אלעזר) האט גרויס כבוד אפגעגעבען צו רבי אבא'ן און ער האט איהם געבעטען אהיים צו זיך אין שטוב אריין, דארטען האט ער געמאכט א גרויסע סעודה לכבוד דעם גאסט און ביים טיש האבען זיי גרויסע סודות געזאגט. נאכ'ן עסען האט זיך רבי אבא מיט איהם געשיידט, און ער האט געדאנקט צום אויבערשטען פאר דעם וואס ער האט פון איהם (אלעזר) די זכייה געהאט אזעלכעס צו הערען, און ער האט אויף איהם געזאגט דעם פסוק „ואתה שלום וביתך שלום" און איז פון איהם אוועקגעגאנגען.

# 39.

## דער אריטער בעל צדקה.

רבי חייא מיט רבי יוסי זענען געגאנגען אין א וועג וואס איז געווען צווישען גרויסע בערג, און האבען געזעהען ווי צוויי מענטשען געהען בעזאמען; ווען זיי איז צוגעקומען א דריטער, ווי ס'האט אויסגעזעהען איז ער געוועזען אן אריטאן, און האט זיי געבעטען אז זיי זאלען איהם געבען ברויט צו עסען. איינער פון די צוויי האט גענומען דאס גאנצע ברויט וואס ער האט געהאט און האט עס אוועק געגעבען צו דעם אריטאן וואס האט ביי זיי, ברויט געפאדערט. און ער האט איהם נאך צוגעגעבען וואסער ער זאל האבען צו טרינקען אם נישט דורשטיג צו זיין. דער צווייטער וואס איז מיט איהם מיטגעגאנגען, נישט קענענדיג פערטראגען וואס זיין קאלעגע

האָט דאָ געטהוען, האָט זיך אויף איהם אָנגעבייזערט און האָט צו איהם געזאָגט: דו דיך וועט היינגערין און די וועסט ברויכען עסען, וועסטו דאָך מוזען אָנקומען צו מיר, וואָרום די האָסט דאָך אלסדינג אוועק געגעבען, זאָלסטו וויסען אז איך וועל דיר, פון מיין עסענוואַרג גאָר נישט געבען צו עסען. וואָס ווילסטו — האָט ער צו איהם צוריק געענטפערט — איך בין דען געגאַנגען מיט דיר עסען אָדער טרינקען! ווער רעדט דיר! און ער האָט זיך געזעצט נעבען אָרימאַן. דער אָרימאַן האָט אָפּגעגעסען און האָט געוואָלט דאָס איבערגעבליבענע איהם צוריק געבען האָט ער נישט געוואָלט צונעמען, דער אָרימאַן איז פון זיי אוועק געגאַנגען. רבי חייא האָט זיך מתקנא געווען אין דעם, וואָס האָט דעם אָרימאַן געגעבען צו עסען און ער האָט צו רבי יוסי'ן געזאָגט: דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט אז מיר זאָלען טהוען די מצוה. רבי יוסי האָט צו איהם געזאָגט: טאָמער איז אויף דעם מענטשען (וואָס האָט דעם אָרימאַן געגעבען צו עסען) עפּיס א גזר דין נגזר געוואָרען, און דאריבער האָט איהם דער אויבערשטער צוגעשיקט דעם אָרימאַן כדי ער זאָל פון זיין עונש ניצול ווערען. זיי זענען ווייטער געגאַנגען, און אין מיטען וועג האָבען זיי געזעהען, ווי דער וואָס האָט פריהער אוועק געגעבען דעם אָרימאַן זיין גאַנץ עסענוואַרג איז יעצט מיעד געוואָרען פאַר חלשות און דער צווייטער זאָגט צו איהם: „איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז דו זאָלסט נישט אוועק געבען דיין עסענוואַרג!" רבי חייא האָט אויף דעם חלשות'דיגען יודען רחמנות בעקומען און האָט געזאָגט צו רבי יוסי'ן: מיר האָבען דאָך עסענוואַרג ביי זיך לאָמיר עם איהם געבען כדי ער זאָל צו זיך קומען. וואָס ווילסטו פון דעם יוד האָבען — האָט רבי יוסי געענטפערט צו רבי חייא — די ווילסט זיין זכות צונעמען! איך זאָג דיר די זאָלסט איהם גאָר נישט געבען און ער זאָל ניצול ווערען פון זיין עונש, וואָרום, קום צו אביסעל נעהנטער, איך זעה אויף זיין פנים א פלאַם פון מיתה, און דאריבער האָט איהם הקב"ה צוגעשיקט דעם אָרימאַן צו זעהן, צו ער וועט אוועק געבען פאַר איהם, זיין עסענוואַרג, און אויב ער האָט טאַקי אזוי געטהוען ברויך ער דאָך דעם זכות צו האָבען.

דער יוד וואָס האָט זיין עסענוואַרג צום אָרימאַן אָפּגעגעבען, איז אנטשלאָפען געוואָרען אונטער א בוים, און זיין קאָלעגע האָט זיך געזעצט אָפּרוהען אביסעל דערווייטערט פון איהם. רבי יוסי מיט רבי חייא האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם שלאָפּעדיגען יוד צוזעהען וואָס מיט איהם וועט דאָ ווערען, און אזוי קוקענדיג האָבען זיי געזעהען ווי א פלאַם פייער שטעהט נעבען יוד'ס פנים און רבי חייא האָט דאָס געוויזען רבי יוסי'ן און האָט געזאָגט אז בודאי וועט דער יוד שטאַרבען. ניין — האָט רבי יוסי צו רבי חייא'ן געענטפערט — ער וועט נישט שטאַרבען, נאָר לאָמיר ווייטער זעהען נאָט'ס נסים וואָס וועט דאָ מיט דעם יודען געטהוען ווערען, און זיי האָבען געזעהען ווי א שלאַנג איז אראָפּ געפאַלען פון די בוימער, וואָס דער יוד איז אונטער זיי געשלאָפען. דער שלאַנג וואָלט אודאי דעם יוד געטויטעט, נאָר דאָ האָט מען געזעהען דעם אויבערשטענס נסים, אז ער שיקט „די רפואה פאַר די מכה" און דאָס פייער וואָס האָט דעם יוד נאָך פון פריהער ארומגענומען איז יעצט צו נוצען געקומען. דאָס פייער האָט, דעם שלאַנג פאַרברענט און

דער יוד איז געראטעוועט געווארען . רבי יוסי האט זיך געפרייט און האט געזאגט צו רבי חייא'ן : „אבער יעצט זעהסטו שוין אז דעם יוד איז א נס געשעהען״ . דער יוד איז פון זיין שלאף אויפגעשטאנען , און רבי חייא מיט רבי יוסי האבען איהם פאר די הענד אנגענומען און איהם גענעבען צו עסען . אז דער יוד האט אפגעגעסען האבען זיי איהם געוויזען דעם נס וואס ס'איז צו איהם געטהוען געווארען . רבי יוסי האט אויפ'ן ארט געזאגט אז דא האט מען בעשיינפערליך געזעהען אז „צדקה תציל ממות״ (צדקה געבען איז א רעצעפט וואס רעטעט דעם מענטש פון דעם טוידט) און וואויל איז צו דעם , וואס גיעבט צדקה און פארזיכערט זיך אויפ'ן אויבערשטען , ווארום די צדקה האט א כח וואס ציהט צום „עץ החיים״ און אנ'ארימאן איז באהעפט צום „אילן המות״ אזוי ווי עס שטעהט „עני חשוב כמת״ (אנ'ארימאן איז ווי א טוידטער) און אז מען גיעבט צדקה צו אנ'ארימאן דערוועקט מען מיט די צדקה (וואס דאס איז באהעפט אינ'ם עץ החיים) דעם „אילן המות״ וואס דער ארימאן איז צו דעם באהעפט , און אזוי ארום ווערט מען ניצול פון טוידט , און מען איז מציל א יוד פונ'ם טוידט .

---

# 40.

## די הרי חושך .

---

רבי אלעזר , רבי יוסי און רבי יצחק זענען געגאנגען אין וועג , און זיי זענען פארביי געגאנגען פאר די „הרי חושך״ (פינסטערע בערג) זיי האבען זיך אנגעהויבען שרעקען . נאכהער האט רבי אלעזר צו זיי געזאגט : ווען מיין פאטער (רבי שמעון בן יוחאי) וואלט דא גיוועזען וואלט קיינער זיך נישט געשראקען . נאר אזוי אהן איהם אז מיר זענען דריי פארשוין ברויכען מיר אויך נישט צו שרעקען זיך זיי זענען דארטען א גאנצען טאג ארום געגאנגען און האבען געזאגט גרויסע סודות , אז עס איז נאכט געווארען האבען זיי געזיכט א סטאנציא . זיי זענען פארביי געגאנגען פאר א הייל און זיי האבען אריין געשיקט רבי יוסי'ן אז ער זאל זעהען צו אינוועניג קען זיין אנ'ארט פאר זיי , צו זיצען און לערנען . רבי יוסי איז ארויס געקומען פון דער הייל און האט צו זיי געזאגט אז אינוועניג איז יא דא אנ'ארט צו זיצען און צולערנען , ווארום ער האט דארט געזעהען ליכטער ברענען און געהערט א קול וואס האט געלערענט דברי התורה , זיי האט דאס שטארק הנאה געטהוען , און זיי האבען געדאנקט דעם אויבערשטען וואס ער האט זיי אונטער געשיקט אנ'ארט אויף צו לערנען . זיי זענען אריין געגאנ-גען אין די הייל אריין , און האבען געטראפען צוויי מענטשען זיצען ביי ליכטער

און לערנען. זיי האבען זיך מיט זיי באהעפט און האבען דארטען (אין די דרײ״) עוסק געוועזען אין הויך טיעפע סודות ביז ס'איז געווארען טאג.

# 41.

## דאָס פּנים פון רבי חזקיה הויבט אָן צו שײַנען.

רבי חזקיה מיט רבי יוסי זענען געגאנגען אין וועג, אין מיטען וועג האט רבי יוסי געזעהען ווי רבי חזקיה'ס פנים שײַנט זעהר, האט ער צו איהם געזאגט: איך זעה אז דײַן פנים שײַנט זעהר, לאמיר יעצט עוסק זײַן אין לערנען. האט רבי חזקיה צו איהם געענטפערט: איך בין יעצט עוסק אין א פסוק פון קהלת און עס צהרט מיך זעהר אויף די אפיקורסים ווי אזוי זיי קענען א טעות האבען און אנדערש דעם פסוק איינטײַטשען. זיי זענען ביידע געגאנגען און האבען געשמועסט וועגען דעם פסוק. אין מיטען וועג איז צו זיי צוגעקומען איינער און בעהט בײַ זיי וואסער צום טרינקען, ווײַל ער איז געוועזען זעהר דורשטיג פון די היטץ, זיי פרעגען איהם ווער ביזטו? האט ער געענטפערט אז ער איז א יוד. אפשר ביזטו מיער און דארשטיג פון לערנען? — פרעגען זיי איהם ווײַטער — איך בעהט אייך רעדט נישט יעצט מיט מיר — האט ער זיי געענטפערט — נאר אויב איהר האט וואסער גיעט מיר וועל איך טרינקען, אויב איהר האט נישט וועל איך ארויף-געהן אויפ'ן בארג און דארטען וועל איך טרינקען וואסער, ווארום איך בין שרעקליך דורשטיג. רבי יוסי האט בײַ זיך געהאט א קריגעל וואסער האט ער עס איהם אוועק געגעבען צו טרינקען, מיט די ווערטער: טרינק דאס אויס — אויב עס וועט דיר זײַן ווייניג וועלען מיר מיט דיר ארויפגעהן אויפ'ן בארג. ער האט אויס-געטרונקען דאס קריגעל וואסער, און נאכהער זענען זיי מיט איהם ארויפגעגאנגען אויפ'ן בארג, דארטען האבען זיי געפונען א קוואל מיט לויטער ריינע וואסער, און זיי האבען דארטען געטרונקען. אז זיי זענען אראפ געגאנגען, פונ'ם בארג, האט דער יוד צו זיי געזאגט: יעצט קענט איהר רעדען מיט מיר, איך וועל אייך אויף אלעס ענטפערען, בעווײַל איך האב ביז איצטער עוסק געוועזען אין תורה מיט מײַן זוהן. זיי האבען מיט איהם געשמועסט און עהר הויכע ענינים (וואס דאס קען מען אויף זשארגאן נישט ארויס געבען) זיי האבען פון איהם פיעל נחת געהאט, ווײַל וואס עס האט זיי נאר געהארט האט ער אלץ פארענטפערט זיי האבען זיך מיט איהם צוקושט און האבען זיך געשײַדט.

ווי דער יוד איז פון זיי אוועקגעגאנגען האבען זיי געזעהען ווי מענטשען לויפען איהם אנטקעגען. זיי זענען זעהר משיקאיוע געוועזען צו וויסען וואס דאס איז עפיס,

און האָבען געפרעגט די מענטשען ווער ער איז. זיי האָבען זיי דערצעהלט אז דאָס איז „רבי חגי" און זיי האָבען איהם געשיקט אז ער זאָל זיי אפזוכען רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין חברותא. רבי יוסי מיט רבי חזקיה אז זיי האָבען געהערט אז דער מענטש מיט וועמען זיי האָבען אין לערנען פערבראַכט איז — רבי חגי, האָבען זיי געזאָגט: גליקליך איז דער וואָס האָט איהם געקושט.

## 42.

## צוליעב וואָס דער צדיק ליידט אויף דער וועלט.

רבי אבא איז אמאָהל געזעסען און האָט עוסק געוועזען אין לערנען מיט'ן הייליגען תנא רבי שמעון בן יוחאי. געזעסען זענען זיי אין טהאָל, און וויל עס איז דאַמאָלסט געוועזען א גרויסע היטץ האָבען זיי זיך געזעצט אין א לאָך פון א פעלזין שטיין זיצענדיג אזוי, האָט רבי אבא געפרעגט צו רבי שמעון פאַרוואָס אז ווען דער „דין" איז דאָ אויף דער וועלט מחמת עס איז דאָ פיעל פושעים, ווערען די צדיקים געשלאָגען אזוי ווי מיר האָבען געלערענט (דאָס רעדט אלץ רבי אבא צו רבי שמעון) אז די צדיקים ווערען געחאַפּט צוליעב די זינדען פון זיין דור פאַרוואָס איז דאָס אזוי? מען קען נישט זאָגען אז צוליעב דעם געהט דער צדיק פון די וועלט וויל זיי ברויכען די רשעים צו שטראָפען און זיי טהוען נישט אזוי, וואָרום מיר האָבען געזעהען אז פיעל צדיקים האָבען שטאַרק געשטראָפט די רשעים און דאָך געהען זיי פון דער וועלט? רבי אבא האָט זיך באַלד אליין פאַרענטפערט: עס מוז זיין אז צוליעב דעם שטאַרבען די צדיקים כדי עס זאָל נישט זיין ווער עס זאָל אויף זיי (אויף די רשעים) מגין זכות זיין, וואָרום כל זמן דער צדיק לעבט אויף דער וועלט קען קיין דין נישט קומען. רבי שמעון האָט צו רבי אבא'ן געענטפערט: אויף געוויס איז אזוי ווי די זאָגסט, עס איז פונקט גלייך צו א חולה וואָס איז געפעהרליך קראַנק און דאָקטוירים זאָגען אז מען מוז איהם שלאָגען אנ'אבר, ווי האַקען אָדער, וועט איהם קומען די רפואה. דאָ ביי די רשעים איז אויך אזוי, זיי זענען געפעהרליך קראַנק, און די גאַנצע וועלט איז געגליכען צו [illegible]יברים, נעמט דער אויבערשטער צו, איין אבר פון דער וועלט געמליך דעם [illegible]דיק. רבי אבא [illegible] איהם ווידער געפרעגט: דאָס איז ריכטיג ווען עס זאָל נאָר זיין נישט מעהר ווי איין [illegible] אויף דער וועלט ווי איז אָבער אז עס איז דאָ פיעל צדיקים אויף דער וועלט וואָס ליידען געבאָך אזוי פיעל יסורים און זיי (די רשעים) איז גוט אויף דער וועלט. האָט רבי שמעון געענטפערט: הער אוים, ווען איז געווען איין צדיק נאָר אז עס איז דאָ קנאַפּ רשעים אויף דער וועלט, וואָס דעם חולה ווערט מיט איין אבר

...ן איך בעסער, אבער ווען עס איז דא פיעל רשעים אויף דער וועלט, און ...ער חולה איז דעמאלסט שוין זעהר געפעהרליך, מוז מען שוין עטליכע איברים ...צקען, ווי צום ערשטען די איברים פון איין האנד נאכהער — פון די צווייטע האנד. אזוי איז ווידער ווען מען זעהט אז א צדיק לעבט אויף דער וועלט, כל ימיו אין יסורים, איז דאס א פאקטישער בעוויז אז ער איז א מגין אויף זיין דור, און ...ער געהט אוועק פון דער וועלט ווערען זיי נעהאלפען, בעוויל ער איז זייער ...פלייזער.

# 43.

## רבי פנחס בן יאיר איז נאכ'ן טוידט געקומען צו רבי אבא און רבי יוסי'ן.

רבי אבא מיט רבי יוסי זענען געזעסען אונטער דעם שאטען פון א בוים און האבען געלערענט תורה, פלוצלינג האבען זיי געזעהען ווי אין א היוז געהט ארום א געשטאלט פון א מענטשען, און רבי אבא איז באלד געפאלען אויף זיין פנים. זאגט רבי יוסי: איך געדענק אז איך האב, איינמאהל אויף דעם ארט געזעהען רבי פנחס בן יאיר אז ער האט געזאגט טיעפע סודות, אין דעם קומט דער געשטאלט און זעצט זיך נעבען זיי און קושט צו זיי, און זיי האבען געהערט א קול שרייען: „רוימט אויס א ארט פאר רבי פנחס בן יאיר וואס ער איז דא ביי אייך" ווארום ווען מען לערענט א זאך וואס א צדיק האט עס מחדש געוועזען און ער איז שוין אויף יענע וועלט, איז דער צדיק דא דערביי. און פרעהט זיך און זאגט: וואויל איז מיר מיין חלק וואס איך האב זוכה געוועזען צו זיין בחברותא.

# 44.

## דאס אייזעל וואס האט דערשפירט א פנים חדשות.

רבי שמעון מיט רבי יהודא זענען געגאנגען פון קפוטקיא קיין לוד און ...

בּאַגעגענט צו רבּי פּנחס בּן יאיר. רבּי פּנחס בּן יאיר איז געזעסען אויפ'ן אייזעל און צוויי מענטשען זענען מיט איהם מיטגעגאַנגען. די צוויי מענטשען זעהען אַז דאָס אייזעל שטעלט זיך אָפּ און וויל באַין אופן נישט געהן און עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום טרייבען. זאָגט רבּי פּנחס בּן יאיר צו זיינע צוויי מענטשען: טרייבט עס נישט וואָרום מן הסתם האָט עס דערשמעקט אַ פּנים חדשות און דאַריבּער וויל עס פון דאַנען נישט אוועקגעהן, אָדער אפשר וועט אונז עפּיס אַ נס געשעהן פונ'ם הימעל. ווי זיי שטעהען אַזוי, קומט רבּי שמעון אַרויס פון אַ באַרג. יעצט זעהט איהר — האָט רבּי פּנחס בּן יאיר צו זיינע מענטשען געזאָגט — אַז עס איז אמת וואָס איך האָבּ צו אייך איצטער געזאָגט, אַז אַ פּנים חדשות וועט אפשר אונטער קומען; רבּי פּנחס איז פון זיין אייזעל אַראָפּגעגאַנגען און ער האָט געקושט זיין איידעם — רבּי שמעון. ער האָט אָנגעהויבען צו וויינען און ער האָט געזאָגט: איך האָבּ געזעהען אין חלום ווי די שכינה האָט מיר געגעבען טהייערע אוצרות און טהגות, און היינט איז עס צו מיר מקוים געוואָרען, און דאַריבּער בּין איך זעהר פרעהליך. רבּי שמעון האָט איהם געענטפערט אַז ער דערקענט אין די טריט פון זיין אייזעל'ס פיס אַז ער איז היינט — בּשמחה. רבּי פּנחס האָט איהם געבּעטען אַז ער זאָל זיך מיט איהם אַנידערזעצען אויף אַנ'אָרט לערנען. זיי האָבּען געפונען אַנ'אָרט געבּען אַ קוואַל וואַסער און האָבּען דאָרטען געלערענט.

# 45.

# דאָס ערד ציטערניש.

רבּי יצחק איז פערבּיי געגאַנגען פאַר אַ באַרג און האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט. אין דעם האָט ער געזעהען ווי אַ מענטש ליגט אויף די ערד און שלאָפט, און די ערד אונטער דעם ליגענדיגען מענטש ציטערט און דער בּוים וואָס איז געזעסען אין דר'ערד נעבּען דעם שלאָפענדיגען מענטש איז אַריינגעפאַלען אין אַ גרוב אַריין, און די ערד האָט זיך געוואָרפען אַרויף און אַראָפּ. פּלוצלינג האָט זיך דער מענטש אויפגעכאַפּט און האָט געשריען: יודאי, יודאי, וויין און שריי וואָרום איצטער האָט מען אין הימעל אויף-געשטעלט אַ „ממונה" ער זאָל איבּער אייך האָבּען צושאַפען אום איך צוטהוען שלעכטס, אַלעמאָהל איז אַזוי אַז ווען עס קומט אויף אַ ממונה וואָס זאָל אייך שלעכטס טהוען ציטערט די ערד. רבּי יצחק האָט זיך זעהר געוואונדערט און האָט זיך שטאַרק געשראָקען, און ער האָט געזאָגט: סשטייט אין פּסוק „צוליעב דריי זאַכען טהוט די ערד ציטערן" און איינס פון די דריי זאַכען

איז אז עס שטעהט אויף א גביר הנהר ומכל שכן אז ער איז חלילה איבער די יודען.

## 46.

## מְשַׁנֶה מָקוֹם מְשַׁנֶה מַזָל.

רב חסדא האט אמאהל געוואוינט אין די שטאדט קפוטקיא, דארטען איז ער געוועזען א גרויסער ארימאן און שטענדיג איז ער קראנק געוועזען. איינמאהל האט ער זיך אריבערגעצויגען קיין „צפורי" און איז דארטען געווארען געזונד און אויך א גרויסער עושר. אז ער איז געקומען צו זיך, האט ער געזאגט: דאס וואס אין די שטאדט קפוטקיא בין איך געוועזען — אן ארימאן און האב געליטען פיעל קראנקהייטען, איז געוועזען צוליעב דעם וואס דארטען זענען געוועזען פיעל רשעים. און דא — וויל עס איז דא פיעל תלמידי חכמים, דאריבער בין איך געבענטשט פונ׳ם אויבערשטען מיט תורה, עשירות און געזונד.

## 47.

## דער יונגער מאן איז נתגלה געווארען.

רבי חייא מיט רבי אבא האבען גענאכטיגט אין א נאכט הויז, אין האלבע נאכט זענען זיי אויפגעשטאנען לערנען תורה, דעם בעל הבית׳ס טאכטער איז אויך אויפגעשטאנען און האט זיי אנגעצונדען א ליכט, און איז פון זייער צימער ארויסגעגאנגען און די האט זיך אנידער געשטעלט אונטער די טהיר צו אויסהערען זייער לערנען, וויל זי האט זעהר ליעב געהאט צו הערען לערנען תורה. זיי האבען אוועק געלערענט א היבשע צייט, און פלוצלינג האט רבי אבא בעמערקט ווי דעם בעל הבית׳ס טאכטער שטעהט אונטער די טהיר און הערט זיך איין צו זייער לערנען, האט ער אנגעהויבען צו זאגען אויף די צוויי ווערטער „נר מצוה" אז דאס מיינט מען די מצות פון ליכטער אנדרען, וואס די ווייבער האבען דערפון א גרויסען

זכות, ווייל די מענער זענען דאדך דעם זוכה צו תורה און פון זייערע מענער'ס זכות געניסען אויך זיי. דעם בעל הבית'ס טאכטער האט זיך גוט איינגעהערט צו זייערע רייד און האט אנגעהויבען וויינען, דער פאטער האט געהערט איהר וויינען האט ער זיך פונ'ם געלעגער אויפגעהויבען און איז צו זיין טאכטער צוגעגאנגען און איהר געפרעגט פארוואס זי וויינט. זי האט איהם דערצעהלט דאס אלעס וואס זי האט פון זיי געהערט און אויך ער (דער פאטער איהרער) האט אנגעהויבען צו וויינען. רבי אבא האט זייער וויינען דערהערט האט ער צום בעל הבית געזאגט: ס'ווייזט אויס אז דיין איידעם די טאכטער'ס מאן מוז נישט קענען לערנען. ער האט איהם געענטפערט: ס'איז טאקי אזוי אז ער קען נישט לערנען און אויף דעם ווין איך מיט מיין טאכטער שטענדיג. און ער האט זיי דערצעהלט ווי אזוי עס איז געקומען אז ער זאל זיין, זיין איידעם. ער האט איהם געזעהען אראפשפרונגען פון א בוידעם, זאגען „קדושה" האט ער גערעכענט אז מן הסתם קען ער לערנען, נאר ער האט זיך אבער אן איהם גענארט. ווארום — האט ער ווייטער צו זיי געזאגט — איך האב אין אנפאנגם געמיינט אז ער מוז זיין א גדול בתורה, לסוף זעה איך אז ער קען אפילו נישט בענטשען קיין ברכת המזון. רבי אבא האט איהם געגעבען אנ'עצה: אדער ער זאל איהר א גט געבען, אדער אפשר וועט ער פון איהר גוטע קינדער האבען. — אזוי ווי זיי האבען אזוי געשמועסט האט זיך דער איידעם אויפגעהויבען פון זיין געלעגער, און איז אריין אין דעם צימער וו זיי זענען געזעסען און האבען געשמועסט. רבי אבא האט איהם גוט בעטראכט און האט געזאגט: איך זעה אדער, אז ער אדער זיינם א קינד וועט זיין א גדול בישראל. דער יונגערמאן האט אנגעהויבען צו לאכען. אין א פאר מינוטען ארום, האט ער (דער איידעם) אנגעהויבען זיי צו זאגען שארפע חידושים אויף תורה, אז זיי האבען זיך גאר נישט געקאנט אויסוואונדער'ן אויף דעם. ער איז מיט זיי אריין און א שמועס פארוואס ער האט זיך געמאכט ביז יעצט (שוין 2 חדשים) פאר א גראבער יונג, ווייל ער האט געזעהען אז אין די שטאדט זענען פערהאנען זעהר גרויסע תלמידי חכמים וואס זענען עלטער פאר איהם, און אויך קלוגער. ער האט זיי ווייטער דערצעהלט אז ער איז פון „בבל" און רבי ספרא איז זיין פאטער, און ער איז פארטריבען געווארען דא אין די שטאדט אריין. יעצט — האט ער ווייטער צו זיי געזאגט — איז שוין אריבער דער זמן (2 חדשים) וואס איך האב אויף מיר גענומען אז נישט אויסצוגעבען זיך, האב איך זיך יעצט דא צו אייך באקענט, און וואויל איז מיין חלק וואס איך האב מיך מיט אייך בעקאנט. רבי יוסי האט זיך אויפ'ן הויכען קול צוויינט און אלע האבען איהם אנגעהויבען קושען אויפ'ן קאפף. ער האט צו זיי ווייטער געזאגט: איך האב נישט געקאנט צוזעהען דעם צער פון מיין ווייב און שווער, ווארום זיי האבען געמיינט אז איך קען נישט קיין ברכת המזון, האב איך זיך נישט געוואלט מתחבר זיין צו מיין ווייב גאנצע צוויי חדשים. זיי זענען געוועזען זעהר פרעהליך, און דער שווער (דער בעל הבית) מיט זיין טאכטער האבען פאר גרוים שמחה אנגעהויבען צו וויינען. זיי האבען איהם שוין נישט געלאזט אוועק געהן פון זיי, און ער איז מיט זיי געזעסען און געלערענט. זיי האבען איהם געמאכט פאר א ראש איבער די שטאדט, און האבען זיך מיט איהם א גאנצען טאג געפריידט. זיי האבען זיי געבענשט און זענען פון זיי אוועק געגאנגען.

זיי זענען געגאנגען צו רבי שמעון. ער האט זיי דערזעהן האט ער צו זיי געזאגט: איך זעה אז איהר זענט געזעסען צוזאמען מיט א יונגען מאן און געלערענט תורות און הויכע סודות — צוויי טעג מיט א נאכט. זיי האבען איהם אלסדינג דערציילט, און ער האט צו זיי געזאגט אז, וואויל איז זייער חלק וואס זיי האבען מיט איהם פארברענגט אזא צייט. ער האט זיי דערציילט אז ער געדענקט ווי מיט איהם (רבי שמעון) איז מיטגעגאנגען דעם יונגען מאנס פאטער, רבי ספרא אויפ'ן וועג, און ער האט איהם געבענשט אז פון איהם זאל ארויסקומען א זוהן וואס זאל זיין א לייב אין די תורה, נאר ער האט איהם (דעם פאטער) נישט געבענטשט אז דאס זאל זיין ביי זיין לעבען.

## 48.

# דער ארימאן וואס איז שיעור געשטארבען.

און די גאס ווי רבי יוסי האט געוואהנט האט געוואהנט אנ'ארימאן. קיינער האט זיך אויף דעם ארימאן נישט אומגעקוקט און ער איז אויסגעגאנגען פאר הונגער. ער מיט זיין גאנץ הויזגעזונד. ער אליין ווידער, האט זיך געשעמט צו געהן רעדען און דערצעהלען פאר מענטשען זיין ארימקייט. ויהי היום איז דער ארימאן קראנק געווארען, רבי יוסי איז פון דעם געוואהר געווארען איז ער איהם געגאנגען צו מבקר זיין. זייענדיג ביי איהם אין שטוב האט ער דערהערט א קול שרייען: „סיקל"א סיקל"א" דאס איז דאס ארט דאס די נשמות וואס געהען אוועק פון דער וועלט פריהער איידער זייער צייט איז, זענען זיי דארטען. און דאס קול האט ווייטער געשריען: די זאלסט וויסען אז צו דיר קומט צו, נאך א נפש וואס וועט שטארבען פאר די צייט, ווייל איז צו די שטאדט לייט וואס עס האט זיך צווישען זיי נישט געפונען איינער, וואס זאל איהם מחיה זיין מיט עסען און טרינקען. — רבי יוסי איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם געגעבען א טרונק, וואס איז בעשטאנען פון וואסער וועלכעס עס איז געווארען אויסגעקוועטשט פון דארע פייגען, און האט עס איהם דערלאנגט דורך א רעהריל אין מויל אריין, דער ארימאן האט באלד געקריגען שווייס אויף זיין פנים און דער אטהעם האט זיך צו איהם ווידערגעקערט. רבי יוסי האט געזעהען אז ס'איז איהם בעסער געווארען איז ער אוועקגעגאנגען פון איהם. אביסעל שפעטער איז רבי יוסי ווידער געקומען צום ארימאן זעהען וואס ער מאכט. דער ארימאן אז ער האט דערזעהען רבי יוסי'ן האט ער צו איהם געזאגט: רבי, איך שווער דא אויפ'ן ארט אז מיין „נפש" איז שוין פון מיר געהאט אויסגעגאנגען און די נשמה איז שוין געוועזען פאר'ן „כסא הכבוד" און זי האט דארטען

גענאָלט איבערבלייבען, נאָר דער אויבערשטער האָט צו איהר געזאָגט: איך וויל רבי יוסי'ן מזכה־זיין בעווייל ער איז אָנגעבריים אז זיין גייסט זאָל אַרויף־קומען אינ'ם הימעל אריין, און דאָרטען ווערען אָנגעקניפּט אין אַ „חדר הקודש" (הייליגעם צימער) וואָס די חכמים זענען אָנגעבריים צו דערוועקען אויף דער וועלט, און אָליעב זייער תורה וועט דאָס חדר בלייבען פאַר דיר, מיט דיינע חברים און דאָרטען איז אָנגעבריים דריי שטוהלען פאַר איך. — פון יענער צייט־אָן האָט זיך שוין די שטאָדט מעהר אומגעקוקט אויף דעם אָרימאַן און איהם געגעבען אַלעס וואָס ער האָט נאָר געברויכט.

## 49.

## רבי יצחק גיט אַוועק אַנ'אָרימאַן אַ האַלבען „מעה כסף".

איינמאָהל איז פאַר רבי יצחק'ן פאַרביי געגאַנגען אַנ'אָרימאַן, און האָט צו איהם געזאָגט: זיי מיך, מיין ווייב און מיינע קינדער מחיה, וואָרום מיר אַלע גייען־אויס פון הונגער. רבי יצחק האָט דעמסטמאָהל ביי זיך נישט מעהר געהאַט ווי אַ האַלבע „מעה כסף" (אַזאַ מין מטבע) און ער האָט צום אָרימאַן געזאָגט: וויסט, דאָס איז מיין געלד, און ער האָט איהם געוויזען דעם האַלבען „מעה כסף". גיב איהם אַהער — האָט דער אָרימאַן צו רבי יצחק'ן געזאָגט — וואָרום אויך איך האָב אַ האַלבען „מעה כסף" און מיט דיינעם וועל איך האָבען — אַ גאַנצען, און איך וועל איך שוין קענען ראַטעווען. רבי יצחק האָט איהם אַוועק געגעבען זיין האַלבען „מעה כסף". — ביינאַכט האָט מען רבי יצחק'ן געוויזען אין חלום, אַז ער פאָהרט אין אַ שיף אויפ'ן ים הגדול, און די מענטשען פון שיף האָבען איהם געוואָלט אינ'ם ים אריין וואַרפען, און ער שרייעט צו רבי שמעון אַז ער זאָל איהם העלפען, ווי רבי שמעון וויל צוגעהן איהם ראַטעווען, גיעט דער אָרימאַן (דער איינציגער וואָס רבי יצחק האָט איהם געגעבען צדקה — דעם האַלבען „מעה כסף") אַליין אונטער און ראַטעוועט איהם און גיעט איהם אָפּ, צו רבי שמעון אין די הענד אריין. — רבי יצחק האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שלאָף, און געדענקענדיג דעם חלום וואָס איהם האָט געחלומט, האָט ער געזאָגט דעם פסוק וואָס דוד המלך האָט געזאָגט אין תהלים „אשרי משכיל אל דל, ביום רעה ימלטהו ד'" (וואויל איז דעם בעל צדקה וואָס טהוט גוטס צו דעם אָרימאַן, דען אין אַ שלעכטען טאָג העלפט איהם דער אויבערשטער).

# 50.

## דִי אַרַאבָּער.

רבּי פנחס איז אײנמאָהל געגאַנגען זיך זעהן מיט זײַן טאָכטער (זײַן טאָכטער איז געװעזען — רבּי אֶלעזר׳ס מוטער) און איהר צו מבקר זײַן, װײַל זי איז דערנסטמאָהל זעהר קראַנק געװעזען, ער, רבּי פנחס. האָט דעם גאַנצען װעג גערײַטען אויף אַנ׳אײזעל און זײַנע חברים זענען נעבען איהם געגאַנגען — צו פוס. אין מיטען װעג האָט ער געטראָפען צװײ אַראַבער, ער האָט זײ צו זיך צוגערופען און ער האָט זײ געפרעגט צו זײ האָבען אֶפשר דאָ געהערט אַ קול, האָבען זײ געענטפערט: אַז אויף דעם װעג האָבען גזלנים געפלעגט צו בּעגזל׳ן װאָס איז נאָר אַ דורך געגאַנגען, אײנמאָהל האָבען זײ (די גזלנים) געטראָפען צו אַ חברותא יודען און האָבען זײ געװאָלט הרג׳נען, האָט דאָס אײזעל — דאָס אײגענע װאָס די יודען האָבען מיט זיך געפיהרט — אָנגעהויבען צװײ מאָהל שרײַען אויפ׳ן קול ביז װאַנען ס׳איז געקומען אַ פײַער מיט אַ קול און עס האָט די גזלנים פאַרברענט, און אַזוי אַרום זענען די יודען ניצול געװאָרען פון די גזלנים׳ס הענד. — זאָגט רבּי פנחס צו זײ: אַראַבער, אַראַבער. מיט די זאַך װאָס איהר האָט מיר איצטער דערצעהלט, זענט איהר ניצול געװאָרען פון אַנדערע גזלנים װאָס האָבען אויף אײַך געלאָקערט, — רבּי פנחס האָט אָנגעהויבען צו װײנען און האָט געזאָגט: „רבּונו של עולם די יודען האָסטו געטוהען אַ נס פון מײַנטװעגען און איך האָב דערפון גאָר נישט געװאוסט” און ער האָט װײַטער געזאָגט: װיפיעל טובות טהוט דער אויבערשטער דעם מענטש װאָס דער מענטש אַלײן װײסט גאָר נישט דערפון. װאָרום אַ בּענטש געהט און װעג, װאָס גזלנים לאָקערען אויף איהם נאָר איהם צו דערהרגע׳ן און לסוף קומט זײ (די גזלנים) אונטער, אַנ׳אַדערער און הרג׳נען איהם אויף יענעם מענטש׳ס אָרט, און דער װאָס ס׳איז איהם אַ נס געשעהען װײסט גאָר אַלײן נישט דער פון. דער מענטש. דער פון טוירט אויסגעלײַזטער װײסט גאָר נישט די טובה װאָס דער אויבערשטער האָט מיט איהם געטוהען, קײנער װײסט דער פון נישט אויסער װאָס דער אויבערשטער אַלײן װײסט דער פון. רבּי פנחס זאָגט װײַטער צו זײַן חברותא: איהר חברותא האָט געהערט װי איך האָב געפרעגט צו די אַראַבער — װאָס זײ זענען זיך שטענדיג עוסק אין פעלד — צו זײ האָבען אֶפשר געהערט אַ קול פון די חברים װאָס זענען עוסק אין די תורה, װאָרום רבּי שמעון מיט זײַן זוהן רבּי אֶלעזר און זײַן גאַנצער חברותא געהען פאַר אונז און זײ װיסען גאָר נישט אַז מיר געהען זײ אַנטקעגען, און דאַריבער האָב איך צו די אַראַבער געפרעגט אויב זײ האָבען אַ קול געהערט, װײַל דאָס קול פון רבּי שמעון מאַכט ציטערען די בערג מיט די פעלדער, האָבען זײ מיר געזאָגט אַ זוינס װאָס איך האָב נאָך נישט געװאוסט דער פון.

אזוי ווי זיי געהען (רבי פנחס מיט זיין חברותא) קעהרען זיך די אראבער צוריק פון זייער וועג און געהען צו, צו רבי פנחס'ן און זאגען: סבא, סבא (אלטער, אלטער) דו האסט אונז געפרעגט אויב מיר האבען א קול געהארכט, פאר וואס האסטו אונז נישט געפרעגט וואס מיר האבען היינט געזעהען? מיר האבען היינטיגען טאג געזעהען א גרויס וואונדער: מיר האבען געזעהען — האבען די אראבער צו רבי פנחס'ן ווייטער גערעדט — ווי פינף מענטשען און אן אלטער מאן צווישען זיי זענען געזעסען, און די פויגלען פון הימעל האבען זיך איינגעזאמעלט און האבען זייערע פליגעל פערשפרייט איבער זייערע (די פינף מענטשען) קעפ. נאכ'ן זענען די פריהריגע פויגלען אוועקגעגאנגען און אנדערע פויגלען זענען אויף זייער ארט געקומען און האבען אויף זייער קעפ א שאטין געמאכט, און דער זקן האט גירעדט און זיי אלע האבען זיך צו זיינע רייד איינגעהערט. — רבי פנחס האט צו די אראבער געזאגט: אויף דעם האב איך אייך פריהער געפרעגט. גאט זאל אייך גיעבען אז איהר זאלט געהן אין אייער וועג און דער וועג זאל אייך זיין אנגעברייט מיט אלעם וואס איהר פערלאנגט נאר, ווארום איהר האט מיר געזאגט צוויי זאכען וואס איך בין פון זיי זעהר פרעהליך. די אראבער זענען אוועקגעגאנגען, איצטער (האבען די חברותא געפרעגט צו רבי פנחס'ן) אז די אראבער זענען פון אונז אוועק געגאנגען ווי אזוי וועלין מיר וויסען דעם וועג ווי רבי שמעון איז יעצט? לאזט מיין אייזעל געהן אליין — האט רבי פנחס צו זיין חברותא געענטפערט — און זיי האבען אזוי געטוהען, אז דאס אייזעל איז געהאט אפגעגאנגען א מהלך פון צוויי תחום שבת האט עס אנגעהויבען שרייען דריי מאהל אויפ'ן קול. רבי פנחס איז פונ'ם אייזעל אראפ-געגאנגען און האט געזאגט צו די חברותא: מיר וועלען זיך גרייט מאכען צו מקבל זיין דאס הייליגע לויטערע פנים (רבי שמעון. האט ער געמיינט) ווארום א צונד געהען זיי ארויס אנטקעגען אונז. — רבי שמעון האט אויפ'ן וועג דערהערט דאס קול פונ'ם אייזעל האט ער געזאגט צו זיין חברותא: לאמיר אויפשטעהן דען דאס קול פונ'ם אייזעל בעוויזט אז דער „זקן חסיד" (רבי פנחס'ן האט ער געמיינט) גענעהנט זיך צו אונז, און ער האט אנגעהויבען צו זאגען טיעפע סודות. דערווייל איז רבי פנחס אנגעקומען און ער האט זיך געקושט מיט רבי שמעון, און האט צו איהם (צו רבי שמעון) געזאגט: איך האב יעצט געקושט דאס הייליגע מויל וואס ס'שמעקט פון די טהייערסטע בשמים פונ'ם „גן של מעלה" און זיי האבען זיך שטארק געפרייט. — אזוי ווי זיי זיצען זענען די אלע פויגלען אוועק געפלויגען און האבען זיך צושפרייט אויף אנ'אנדער ארט. רבי שמעון האט צו זיי אויפ'ן קול געזאגט: פאר וואס זענט איהר נישט משגיח אין דעם כבוד פון אייער הערר וואס ער איז איצטער דא? אזוי זענען אלע שוין געבליבען שטעהן אויף אנ'ארט און זענען מעהר נישט געפלויגען, אבער נעהנטער צוגעגאנגען זענען זיי נישט. האט רבי פנחס געזאגט צו רבי שמעון: זאג זיי אז זיי זאלין צוריק אוועקגעהן אויף זייער ארט, ווארום מען גיעט זיי פון הימעל איצטער שוין קיין רשות צו דעם ווייל דו האסט אויף זיי גוזר געוועזען. איך ווייס — האט רבי שמעון געזאגט — אז דער אויבערשטער וויל מיט אונז טהוען נסים דורך די פויגלען. געהט אייך (צו די פויגלען) אייער וועג — האט ווידער רבי שמעון צו זיי געזאגט — און זאגט צו דעם וואס איז איבער אייך א ממונה אז נאר ביז פריהער האט ער איבער אייך געהאט די דעה. אדער פון יעצט אן זענט איהר

און מײַן רשות און איך קען מיט זיך טהוען וואָס איך וועל נאָר וועלען, נאָר איך לייג עס אָפּ אויף אַנ'אַנדערע צייט בעווייל יעצט איז דערצו קיין צייט נישטאָ. די פײגלען וועגען באַלד נאָך זיינע רייד אוועקגעפלויגען. דערווייל זעהען זיי (רבי שמעון און רבי פנחס) ווי די בוימער צושפרייטען זייערע צווייגען אויף דריי זייטען בדי זיי אַ שאָטען צומאַכען, און אַ קוואַל וואַסער איז אויך דאָ נעבען זיי. די גאַנצע חברותא זײַנען געוואָרען שטאַרק פרעהליך און רבי שמעון האָט געזאָגט צו רבי פנחס'ן: אַ גרויסען צער האָבין די פויגלען פריהער געהאַט און ווייל איך פערטראָג נישט קיין צער בעלי חיים האָב איך זיי געהייסען אוועקפליהען. איך האָב זיי דאָך נישט צו דעם געבּרענגט — האָט רבי פנחס געענטפערט צו רבי שמעון — נאָר דער אויבערשטער האָט דאָך אונז דאָס גיגעבען פאַר אַ מתנה, און דאַריבער קענען מיר עס נישט אָפּשטויסען. זיי זענען געזעסען אונטער דעם שאָטען פון די בוימער, און האָבען געטרונקען דאָס קוואַל וואַסער, און רבי פנחס האָט אָנגעהויבען צו זאָגען גרויסע - סודות.

## 51.

# אַ קינד בעהט אויף זיין טויטען טאַטען און דאָס גיבעהט ווערט אָנגענומען.

---

רבי אֶלעזר מיט זיין חברותא זענען געגאַנגען אין וועג, דערווייל איז צו רבי אֶלעזר'ן אַ טויב געקומען צו פליהען, זאָגט רבי אֶלעזר צו די טויב: דו טויב, דו ביזט דאָך שטענדיג כשר און אַ מועיל אין דיין שליחות ע"כ, געה אַהין צו מיין שוועער (רבי יוסי בן לקוניא) און זאָג איהם אַז „אַ נס וועט איהם געשעהען אין דריי טעג אַרום, און ער זאָל גאָר נישט שרעקען" (רבי אֶלעזר'ס שוועער — רבי יוסי בן לקוניא איז געוועזען קראַנק און עס איז איהם באַשערט געוועזען צו שטאַרבען. און דאָ איז די טויב געקומען דעם אַידעם — רבי אֶלעזר'ן — אָנזאָגען אַ בשורה טובה אַז דער שוועער זיינער וועט שוין נישט שטאַרבען. רבי אֶלעזר האָט אָדער געוואוסט אַז אויף דעם שוועער זיינעם'ס אָרט, וועט געהן פון דער וועלט אַנ'אַנדערער וואָס הייסט אויך מיט'ן נאָמען רבי יוסי. איז ער דערפון געוועזען טרויעריג, — דאָס איז אַ שטיקעל הקדמה צו די מעשה, בדי מען זאָל זי בעסער קענען פאַרשטיין, דאָס איז וועהר וואונדערליכע מעשה וואָס יעדער איינציגער מענטש, קען דערפון פיעל אַרויס נעמען). וואָרום מיר געהען אַהין צו איהם מיט אַ גרויסע שמחה, נאָכהער האָט ער געזאָגט: אַביסעל טרויעריג בין איך דערפאַר וואָס אַנ'אַנדערער וואָס הייסט אויך רבי

יוסי וועט געהען אויף זיין אָרט. די טויב איז אַוועקגעפלויגען. צווישען די חברותא איז אויך געוועזען — רבי אבא — און ער האָט געזאָגט צו רבי אֶלעזר'ן: איך וואונדער מיך זעהר אויף די מעשה מיט די טויב, האָט איהם רבי אֶלעזר גענטפערט: וואונדער זיך נישט און הער אויס וואָס די טויב האָט מיר דערצעהלט, זי האָט מיר דערצעהלט אַז מיין שוועָר (רבי יוסי בן לקוניא) איז געפעהרליך קראַנק, און פון איהרע רייד האָב איך דאַרקענט אַז ער וועט געזונד ווערען און אויף זיין אָרט וועט שטאַרבען איין אַנדערער (רבי יוסי מפקיען), ווי זיי געהען אַזוי און שמועסען אַלץ וועגען די טויב, קומט צו זיי צופליהען אַ ראָב (אַזאַ מין פויגעל) און האָט זיך געבען זיי אָפגעשטעלט און גענומען שרייען אויפ'ן קול. געה דיר דיין וועג — האָט רבי אֶלעזר צו די ראָב געזאָגט — דו ביזט מיר געקומען זאָגען אַ טרויעריגע בשורה (אַז רבי יוסי מפקיען איז געשטאָרבען) און איך ווייס שוין פריהער פאַר דיר, די ראָב איז אַוועק געפלויגען. רבי אֶלעזר האָט געזאָגט צו זיין חברותא: לאָמיר טהוען אַ חסד מיט דעם וואָס איז איצטער געשטאָרבען (רבי יוסי מפקיען) ער איז נאָהענט פון אונז, און קיין אַנדערער אויסער אונז איז נישט ראוי מיט איהם צו מתעסק זיין, און זיי זענען צוגעגאַנגען צו דעם וועג וואָס ס'פיהרט צו צום מת. געהענדיג אַזוי (צום מת) איז זיי די גאַנצע שטאָהט אַנטקעגען געלאָפען און זיי אַריין געפיהרט צום מת אין שטוב אַריין. — דער מת, רבי יוסי מפקיען. האָט נאָך זיך איבער געלאָזט קינדער. צווישען זיי אַ קליין קינד וואָס איז נאָך נישט אַלט געוועזען קיין פינף יאָהר, זייער מוטער איז זיי נאָך פריהער געשטאָרבען. אין דער צייט וואָס דער מת (רבי יוסי מפקיען) איז געלעגען טוידט אויף זיין בעט, האָט דאָס קליינע קינד, נישט געלאָזט קיינעם צום בעט צוגעהען. ער (דאָס קינד) האָט זיך אַרויף געלעגט אויפ'ן טוידטען פאָטער, זיין מויל צום פאָטער'ס מויל און האָט זעהר ריהרענד געוויינט און געשריען צום רבונו של עולם: עס שטעהט אין דיין תורה — האָט דאָס קינד אַלץ געשריען און הייסע טרעהרען האָבען זיך פון איהם געגאָסען — „כי יקרא קן צפור לפניך וכו' שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך" רבונו של עולם זיי דו אַליין מקיים דיין תורה. מיין פאָטער און מיין מוטער האָבען איבערגעלאָזט צוויי קינדער אויף דער וועלט: מיך מיט מיינס אַ שוועסטער'ל, האָסטו בעדאַרפט אונז צו צונעמען און זיי לעבען לאָזען מקיים צו זיין דעם פסוק. רבונו של עולם אויב דו וועסט זאָגען ס'שטייט נאָר אין פסוק „את האם" נאָר די מוטער אָבער דעם פאָטער — נישט, אוי דו האָסט דאָך שוין אונזער מוטער פון לאַנג צוגענומען. און ווידער עס איז דאָך אַלץ איינס „אַ פאָטער צו אַ מוטער". הייסט אַז מיר וועלען נישט האָבען אונזער פאָטער (וואָס ער איז געוועזען אונזער מוטער'ס פאַרטרעטער) וואָס וועלען מיר טהוען? ווי איז דער דין פון די תורה? אדרבה פסק'ן אַליין דיין תורה. ער האָט זעהר געוויינט און רבי אֶלעזר מיט זיין חברותא האָבען מיט איהם מיט געוויינט. אין מיטען זייער וויינען האָט רבי אֶלעזר אָנגעהויבען זאָגען אויף אַ פסוק, דערווייל איז אַראָפּ פונ'ם הימעל אַ פייער, און דאָס פייער האָט געמאַכט אַ צווישען־שייד, צווישען דעם מת (רבי יוסי מפקיען) און צווישען די חברותא וואָס זענען דאָרטען געשטאַנען. און דאָס קינד איז אַלץ, אַזוי ווי פריהער, געלעגען אויפ'ן פאָטער'ס פנים און האָט יאָמערליך געוויינט. רבי אֶלעזר האָט דערזעהען דעם עמוד האש (פייערדיגען זייל) האָט ער צו זיין חברותא געזאָגט: אָדער דער אויבערשטער וויל דאָ טהוען אַ נס, אָדער ער וויל נישט אַז מיר

אלען זיך מיט דעם מת מתעסק זיין, נאר, דאס געוויין און די טרעהרען פון דעם קליינעם קינד קען איך נישט פארטראגען. ווי זיי קלערען אזוי דא ארויין וועגען דעם „עמוד האש" הערען זיי ווי א קול שרייט: „וואויל איז צו דיר רבי יוסי (דאס מיינט מען דעם מת — רבי יוסי מפקיען) און פיעל זוכה געוועזען האסטו, דען די רייד, טרעהרען און געוויין פון דיין קליין ציקעלע (דאס קינד מיינט מען) זענען ארויף געגאנגען אין הימעל פאר דעם „כסא המלך" און האבען געמשפט דעם דין, און הקדוש ברוך הוא האט פאר דיר מוסר געוועזען דרייצעהן אנדערע מענטשען צום מלאך המות, און דיר האט מען מוסיף געוועזען צוויי-און-צוואנציג יאהר, ביז דו וועסט דיין קליין ציקעלע ברענגען צו דעם אויבערשטען ער זאל לערנען תורה". — רבי אלעזר מיט זיין חברותא האבען קיינעם פון די פרעמדע מענטשען נישט געלאזט זיין אין שטוב. דער „עמוד אש" האט זיך באלד פונ'ם מת אפגעטהוען און דער מת האט געעפינט זיינע אויגען. דאס קינד האט נאך אלץ געהאלטען באהעפט זיין מויל צו זיין פאטער'ס מויל. וואויל איז צו אונזער חלק — האט רבי אלעזר, דאס דערזעהענדיג, צו זיין חברותא געזאגט — וואס מיר האבען בעשיינפערלעך געזעהען „תחיית המתים". זיי זענען צוגעגאנגען און האבען דאס חלשות'דיגע קינד — דאס קינד איז בעת דער פאטער איז צוריק לעבעדיג געווארען, געלעגען אין חלשות — אוועק גענומען פונ'ם פאטער (דער מת רבי יוסי מפקיען) און צו רבי יוסי'ן האבען זיי געזאגט: וואויל איז דיין חלק רבי יוסי, און געלויבט איז דער אויבערשטער וואס ער האט אונז אזוי א נס געטהוען, אז דורך די טרעהרען פון דיין קינד ביזטו צוריק לעבעדיג געווארען און מען האט דיר מוסיף געוועזען יאהרען צו לעבען. נאכהער האבען זיי גענומען דאס קינד און עס אריין געפיהרט אין א בעזונדער צימער אריין, און האבען איהם הערצלעך געקושט. זיי האבען דעם קינד ביסלעכווייז דערצעהלט אז זיין פאטער איז צוריק לעבעדיג געווארען, כדי עס נישט צו איבער'ראשען. — זיי האבען זיך דריי טעג נאכאנאנד געפרייט און רבי יוסי (דער וואס איז צוריק לעבעדיג געווארען) האט מיט זיי בעזאמען געזאגט פיעל חידושים אין די תורה. וואס ער האט אינ'ם הימעל געזעהען האט ער נישט געוואלט אויסזאגען, ווייל ער האט געזאגט אז מען האט איהם אין הימעל קיין רשות דערויף נישט געגעבען, נאר אין צוועלף יאהר ארום וועט ער עס קענען פערצעהלען. און ער האט זיי דערצעהלט אז די דריי הונדערט מיט פינף-און-זיעבציג טרעהרען וואס זיין קינד האט אויף איהם געלאזט זענען אלע אריין בחשבון פאר דעם אויבערשטען, און בעת זיין קינד האט געזאגט די פאר פסוקים פון די תורה, זענען דערציטערט געווארין צוויי הונדערט שטוהלען פון די „ישיבה של מעלה" און אלע זענען געשטאנען פאר דעם אויבערשטען און האבען געבעטען אויף מיר. דער אויבערשטער האט אויף מיר רחמנות באקומען, און עס איז איהם געפעלען מיין קינד'ס רייד, ווי ער האט זיך אזוי „מוסר נפש" געוועזען פאר מיר, און אין הימעל איז געשטאנען אנ'אפוטרופוס און האט געזאגט: רבונו של עולם „זאל איהם בייששטיין דער זכות פון זיין תורה און דער זכות פון זיין קליין קינד וואס ס'האט זיך אזוי „מוסר נפש" געוועזען פאר איהם. דער אויבערשטער האט באלד צוגערופען דעם מלאך המות און האט איהם געגעבען „ערבות" אנדערע דרייצעהן מענטשען, און ער האט מיך אויף די וועלט ווידער אומגעקעהרט, נאר אויף צוויי-און-צוואנציג יאהר, און ווייל דער אויבערשטער האט אן אייך געזעהען אז

איהר זענט אֶמת'ע צדיקים דערױבער איז דער „נס" געשעהען אין אײער אַנװעזענהײט". ער האָט אָנגעהױבען זאָגען גרױסע חידושים, און נאָכהער האָט ער װידער געזאָגט: איהר חברותא זאָלט װיסען אַז אין דער צײט װאָס איך בין אַװעק פון דער װעלט איז מײן רוח אַרױף אין הימעל און ביז דער אױבערשטער האָט זי ניט מחיה געװעזען איז מײן גוף געװעזען געשטאָרבען, און בעת מײן קינד האָט אָנגעהױבען צו רײדען איז איהם די נשמה אױסגעגאַנגען און האָט באַגעגנט מײן נשמה װי זי איז אַרױס פון מבילה פון דעם גהינם און איז אַרײן אין אַזאַ אָרט װי מען האָט זי געמשפט און די יאָהרען מוסיף געװעזען, דאָס אַלעס איז געװעזען צוליעב די טרעהרען און רײד פון מײן קלײן קינד. פון הײנט אָן און װײטער טאָר איך שױן מעהר ניט עוסק זײן און די נאַרישקײטען פון דער װעלט און מוז זיך װעצען לערנען.

דאָס קינד האָט אױך אָנגעהױבען זאָגען גרױסע חידושים אױף די תורה, רבי אֶלעזר מיט זײן חברותא האָבען פון דעם קינד שטאַרק נחת געהאַט און האָבען זיך דערמיט שטאַרק געפרײט. זעהענדיג אַז זײ פרײען זיך אַזױ שטאַרק מיט זײן קינד, האָט דער פאָטער מורא געהאַט אַז זײ זאָלען איהם חלילה אַן'עין הרע געבען, און ער האָט צו זײ געזאָגט: „איך בעהט אײך האָט אין זינען מיר דעם קינד קײן עין הרע ניט צו געבען". זײ האָבען איהם געענטפערט: שרעק זיך ניט מיר קוקען אױף דײן קינד מיט אַן'עין טוב. — זײ האָבען זיך ניט געאײלט אַװעקצוגעהן פון דאָרט, װאָרום רבי אֶלעזר האָט געזאָגט צו זײן חברותא אַז זיבען טעג נאָכאַנאַנד מוזען זײ דאָ זײן, װײל בײ אַ מענטש װאָס שטאַרבט איז זיבען טאָג פאַר דעם איז זי (די נשמה) ניט מױשב אינ'ם גוף.

רבי אַבא האָט געזאָגט צו רבי אֶלעזר'ן: מיר האָבען דאָך געלערענט אַז אַ פרײנד איז פריהער פאַר אַ פרעמדען, און דו האָסט דאָך ליגען אַ שװער װאָס איז קראַנק בעדאַרפען מיר דאָך מבקר צו זײן איהם. רבי אֶלעזר האָט איהם געענטפערט אַז ער האָט רעכט און ס'איז טאַקי אַזױ, נאָר אַז װען זײ װעלען צוריק געהן פון זײן שװער װעלען זײ ניט פריהער אַהײם געהן ביז װאַנען מיר װעלען אָנטרעטען דאָ, און די גאַנצע צײט װעלען מיר זעהען תחיית המתים. זײ האָבען זיך געזעגענט מיט'ן קינד, האָבען איהם געקושט און געבענשט אַז ער זאָל גליקלעך זײן אין תורה און מיט אַלעם און זײ זענען אַװעק געגאַנגען. אױפ'ן װעג, געהענדיג צו רבי אֶלעזר'ס שװער (רבי יוסי בן לקוניא) האָט רבי אֶלעזר צו זײן חברותא געזאָגט: איך װאונדער זיך זעהר אױף די קינדער פון דעם דור, װאָס זײער כח איז אַזױ גרױס. װאױל איז צום חלק פונ'ם סבא (רבי שמעון) פון דעם דור, װאָרום אין זײן דור װיל דער אױבערשטער מתקן זײן די צװײ ישיבות און מאַכען אַ „ישיבה גדולה עליונה" (אַ גרױסע הימלישע ישיבה) װאָרום נאָך אַזאַ דור װי רבי שמעון'ס װעט שױן ניט זײן ביז „משיח" װעט קומען.

## 52.

# די פֿויגעלען פֿיהרען אַ בריעף צו רבי שמעון׳ן.

---

רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן רבי אֶלעזר האָבען זיך אַ מאָהל בעהאַלטען אין אַ הייל און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זיי זענען אוועקגעקומען, וואָרום דאָס בעהאַלטען איז געוועזען צוליעב אַ בלבול וואָס מ׳האָט אויף זיי אויסגעטראַכט, אַפילו ס׳האָט ווער יאָ געוואוסט וואו זיי זענען האָט ער אויך מורא געהאַט אויסצוזאָגען. דאָרטען אין די הייל איז זיי אַ נס געשעהען עס איז פון דר׳ערד אויסגעוואַקסען אַ בוים מיט באָקסערען וואָס פון דעם האָבען זיי געגעסען און אַ קוואַל וואַסער האָבען זיי געהאַט צום טרינקען, און זיי זענען דאָרטען געזעסען און האָבען געלערענט תורה. אליהו פלעגט צוויי מאָהל אין טאָג צו זיי קומען און האָט מיט זיי געלערענט, און קיינער האָט דערפון נישט געוואוסט.

איינמאָהל האָבען זיך די חכמים שטאַרק מפלפל געוועזען אין אַ זאַך, איינער האָט דאָרט געפרעגט אַ קשיא וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט צו ענטפערען, האָבען זיי אָנגעהויבען שטאַרק צוטרויערן אויף דעם וואָס זיי וויסען נישט וואו רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן רבי אֶלעזר זענען ערגעץ. — אויף צו מאָרגענס איז רבי יוסי געשטאַנען נעבען רבי יהודא׳ן און ער האָט געזעהען ווי פויגלען פליהען און נאָך זיי פליהט נאָך — אַ טויב. ער האָט איהר גערופען און צו איהר געזאָגט: טויב, טויב די אמת׳ע בעגלויבטע וואָס נח האָט מיט דיר שליחות געפיהרט קום אַהער און נעם ביי מיר צו, אַ בריעף צו רבי שמעון בן יוחאי און גיעב עס איהם אוועק. די טויב איז צו איהם צוגעקומען, האָט ער איהר אָנגעשריבען אַ בריעף און עס איהר אוועק געגעבען, און זי האָט עס אָפּגעגעבען צו רבי שמעון בן יוחאי אין די הייל אַריין. רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן אַז זיי האָבען איבערגעלייענט דעם בריעף האָבען זיי אָנגעהויבען צו וויינען און רבי שמעון האָט געזאָגט: איך וויין צוליעב דעם וואָס איך בין געוואָרען דערווייטערט פון די חכמים און ווידער וויין איך אויף דעם וואָס די חכמים האָבען נישט געוואוסט צו פאַרענטפערען די קשיא, וואָס וועט נאָך זיין מיט די תורה, נאָך אונזער דור. דערווייל איז אֶליהו צו איהם געקומען און האָט איהם געזאָגט אַז ער איז געגאַנגען טהוען אַן אַנדער שליחות נאָר דער אויבערשטער האָט איהם געהייסען אַז ער זאָל איהם זיינע טרעהרען שטעלען.

## 53.

# דער מלאך המות ווארט אויף רבי יצחק'ן און רבי שמעון הייסט איהם אוועק געהן.

---

רבי יצחק איז געזעסען נעבען רבי יהודא'ן און ער איז געוועזען שטארק טרויעריג. רבי יהודא האט דאס טרויערקייט בעמערקט און ער האט איהם געפרעגט פארוואס ער איז עפיס אזוי טרויעריג האט ער געענטפערט: איך בין צו דיר געקומען בעהטען דריי זאכען (א) אז דו וועסט זאגען אזעלכע „דברי תורה" וואס שטאמען פון מיר זאלסטו דערמאנען מיין נאמען (ב) מיין זוהן יוסף זאלסטו מזכה זיין מיט תורה און זאלסט מיט איהם לערנען און (ג) אז איך וועל שטארבען זאלסטו געהן אויף מיין קבר זיעבען טאג נאכאנאנד און זאלסט אויף מיר מתפלל זיין. רבי יהודא האט איהם געפרעגט פונוואנען ער ווייסט אז ער וועט שטארבען האט ער איהם דערצעהלט אז שוין עטליכע נאכט וואס ער זעהט נישט זיין שאטען, און אזוי איז ביי דעם מענטש וואס האלט פאר'ן שטארבען, טהוט זיך פון איהם אפ דער צלם. רבי יהודה האט איהם צוגעזאגט אלע דריי זאכען צוליעב צוטהוען נאר בתנאי אז אויף יענע וועלט זאל ער פאר איהם (רבי יהודא'ן) אויסקלויבען אנ'ארט נעבען איהם (רבי יצחק'ן) ווייל — אזוי האט ווייטער רבי יהודא געזאגט צו רבי יצחק'ן — אזוי ווי מיר זעהען אויף דער וועלט צוזאמען אזוי וויל איך אז אויף יענער וועלט זאלען מיר זיין צוזאמען. רבי יצחק האט אנגעהויבען צו וויינען און ער האט צו איהם געזאגט: איך בעהט דיך אז א פאר טעג נאכאנאנד זאלסטו זיך נישט שיידען פון מיר. זיי זענען ביידע צוזאמען געגאנגען צו רבי שמעון בן יוחאי און זיי האבען איהם געטראפען — זיצען און לערנען. רבי שמעון בן יוחאי טהוט א קוק זעהט ער ווי דער מלאך המות לויפט נאך רבי יצחק'ן און שפרינגט פאר איהם, רבי שמעון איז פון זיין ארט אויפגעשטאנען און איז צוגעגאנגען צום מלאך המות און האט איהם אנגענומען מיט זיינע הענד און האט צו איהם געזאגט: איך בין גוזר אז דער וואס זיין שטייגער איז צו קומען צו מיר זאל ער ווייטער צו מיר קומען און דער וואס זיין שטייגער איז קיינמאהל צו מיר נישט צו קומען — זאל ער צו מיר נישט קומען. רבי יצחק מיט רבי יהודא'ן זענען אריין געגאנגען אין שטוב אריין און דער מלאך המות איז געבליבען שטעהן אין דרויסען. רבי שמעון האט געזעהען אז עס איז נאך נישט געקומען די צייט אז רבי יצחק זאל שטארבען, ער האט נאך צייט אכט שעה האט ער איהם אנידער געזעצט נעבען זיך און זיי האבען ביידע געלערענט תורה. רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט צו זיין זוהן — רבי אלעזר אז ער זאל זיך אנידער זעצען נעבען די טהיר פון זיין שטוב, און אויב ער וועט זעהען זאל ער מיט איהם נישט רעדען און אויב עמיצער וועט וועלען אריינגעהען זאל ער איהם נישט לאזען, און ער זאל איהם באשווערען אז ער זאל אין שטוב

ניט אריין געהן. רבי שמעון האט געפרעגט רבי יצחק'ן צו ער האט נישט געזעהען היינט דאס געשטאלט פון זיין פאטער, ווארום אזוי איז דער שטייגער פון דעם וואס האלט ביים שטארבען אז ער זעהט זיינע קרובים און באקענט זיך מיט זיי, אזוי זעהט ער אויך אלע וואס וועלען מיט איהם זיין אינאיינעם. האט רבי יצחק געענטפערט אז ער האט היינט קיינעם נישט געזעהען. —

רבי שמעון האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין ארט און האט געזאגט: רבונו של עולם רבי יצחק איז פון אונז אנערקענט און ער איז פון די „שבעה עינים" דאס זענען די זיבען חברים וואס זענען געוועזען אין דער „אידרא" און איך האב איהם צו מיר מקרב געוועזען בעהט איך דיך ער זאל לעבען בלייבען, אזוי ווי ער האט דאס געזאגט איז אראפ א „בת קול" און האט געשריען: „דאס ליכט פון דעם הערר (רבי יצחק'ס נשמה) האט גינעהנט אונטער די פליגעל פון רבי שמעון. ער איז שוין ביי דיר אין די הענד. ער זאל זיין מיט דיר אויף „די וועלט" און די זאלסט איהם מיט ברענגען אויף „יענער וועלט" אין דער צייט וואס די וועסט קומען רוהען אויף דיין ארט" רבי שמעון האט אפגעענטפערט דעם בת קול: „אוודאי וועט אזוי זיין". — דערווייל האט רבי אלעזר (רבי שמעון'ס זוהן) דערזעהען ווי דער מלאך המות איז אוועקגעגאנגען און האט געזאגט: דארט ווי רבי שמעון בן יוחאי איז דא, דארט האט דער ממונה פון טוידט קיין שליטה נישט קיין עונש צו טהוען. רבי שמעון האט אריינגערופען זיין זוהן רבי אלעזר'ן און האט צו איהם באפוילען: געה אריין און האלט אונטער רבי יצחק'ן ווארום ער שרעקט זיך זעהר. רבי אלעזר איז אריין געגאנגען און האט אונטער געהאלטען רבי יצחק'ן. רבי שמעון האט אוועק געקעהרט זיין פנים און האט זיך גענומען לערנען. רבי יצחק איז דערווייל אנטשלאפען געווארען און זיין פאטער איז צו איהם געקומען און האט צו איהם געזאגט: מיין קינד וואויל איז דיין חלק אויף די וועלט און אויף יענע וועלטען, דען די זיצסט צווישען די בלעטער פונ'ם „עץ החיים" אין גן עדן וואס ער איז א גרויסער און שטארקער בוים אויף ביידע וועלטען (דאס מיינט מען רבי שמעון בן יוחאי) רבי יצחק האט געפרעגט דעם פאטער ווי אזוי ער איז עפיס חשוב אויף יענער וועלט האט איהם דער פאטער געענטפערט: עס איז שוין אריבער דריי טעג ווי מען האלט אלץ אין איין רויטען פאר דיר א צימער, און די פענסטער זענען דארטען אפען צו לייכטען דיר אין אלע פיער זייטען, איך האב דאס ארט געזעהען האב איך מיך שטארק געפרייט און כ'האב געזאגט „וואויל איז דיין חלק מיין קינד" נאר איין זאך איז נישט זעהר גוט, דאס וואס דיין זוהן האט נאך נישט זוכה געוועזען צו לערנען תורה, אבער אצונד זענען אנגעברייט עס זאלען צו דיר קומען צוועלף צדיקים פון די חברותא און בעת זיי זענען ארויסגעגאנגען האט זיך דערוועקט א קול און האט געזאגט „וועלכער פון אייך חברותא וואס איז געקריינט געווארען זאל זיך אומקעהרען אויף זיין ארט" ווארום רבי שמעון בן יוחאי האט געבעהט א געבעטען און ס'איז איהם נאכגעגעבען געווארען זיין געבעט. און נישט דאס בלויז נאר עס ווערט געקריינט זיעבציג ערטער פון זיינעטוועגען און אין איטליכעם ארט איז געעפענט טהירען אין די זיעבציג וועלטען און פון דארטען זענען זיי געעפענט צום אויבערשטען זיי זאלען לייכטען אזעלכע אורות וואס האט נאר קיין סוף נישט. — רבי יצחק פרעגט דעם פאטער:

ווי לאנג וועל איך נאך זיין אויף דער וועלט ? מיין קינד — ענטפערט איהם דער פאטער — דאס טהאר איך דיר נישט זאגען ווייל עס איז מיר קיין רשות דערצו נישט געגעבען געווארען, נאר דאס קען איך דיר זאגען: אז אויף דער גרויסע סעודה וואס זי איז אנגעברייט פאר רבי שמעון'ן וועסטו דעקען די טהישען.

רבי יצחק האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף און א לייכטער איראנישער שמייכעל האט זיין פנים באדעקט. רבי שמעון האט איהם געפרעגט צו ער האט עפיס נייעס געזעהען אינ'ם שלאף האט ער איהם אלסדינג דערצעהלט. פון דעמאלסט אן האט רבי יצחק געהאלטען זיין זוהן נעבען זיך און אליין האט ער זיך געמיהט מיט איהם תורה צולערנען.

## 54.

## דער וואונדערליכער דאקטער.

רבי אלעזר האט דערצעהלט א מעשה וואס ער האט זי געהערט ווי א סוחר האט נאך געזאגט פון זיין פאטער (דעם סוחר'ס), אז איינמאהל איז געוועזען אין א שטאדט א דאקטער וואס אז ער האט נאר דערזעהען א קראנקען האט ער שוין געוואוסט צו ער וועט לעבען בלייבען צו — נישט. דער דאקטער האט גע'שם'ט פאר א גרויסער צדיק, ווארום אז ער איז געקומען צו אזא קראנקען וואס איז געוועזען אנ'ארימאן האט ער איהם אויסגעהאלטען אויף זיינע הוצאות. ער איז געוועזען זעהר א גרויסער חכם, ווייל ער האט פון זיין פאטער גע'ירשנת א ספר וואס אין דעם ספר איז געשטאנען גרויסע סודות אויף „חכמת הרפואה". אין דעם ספר איז געשטאנען די שפראך, וואס בלעם הרשע פלעגט אנשפראכען ביי א קראנקען פון וואס דער קראנקער איז באלד געזונד געווארען, מיט דעם ספר האט ער פיעל וואונדערליכע זאכען אפגעטהוען: ער האט — מיט די הילף פון ספר — געוואוסט צוזאגען וועלכעס ס'איז מותר און וועלכעס ס'איז אסור; וועד ס'איז א ירא שמים און ווער — נישט. אויך איז אין יענעם ספר געשטאנען אזעלכע רפואות וועלכע מען ווייסט נאך עד היום נישט פון זיי. — רבי אלעזר האט דעם ספר ביי זיך געהאלטען צוועלף חדשים און האט אין איהם געפונען סודות עליונים.

## 55.

# די פְּטִירָה פוּנ'ם גָאטְלִיכֶען תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי ז"ל.

דעם טאָג וואָס דער גאָטליכער תנא רבי שמעון בן יוחאי האָט בעדאַרפט אוועקגעהן פון דער גשמי וועלט, האָבען זיך צו איהם איינגעזאַמעלט די גאַנצע חברותא און ער האָט פאַר זיי מסדר געוועזען זיינע הייליגע רייד.

ביי איהם זענען געוועזען זיין זוהן רבי אֶלעזר, רבי אבא מיט דירעשט חברותא, און די שטוב איז געוואָרען פיעל מיט מענטשען.

דער גאָטליכער תנא רבי שמעון בן יוחאי האָט א קוק געטהוען אויף די שטוב מיט מענטשען, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען און האָט געזאָגט: אַנ'אַנדערש מאָהל אז איך בין קראַנק געוועזען, און רבי פנחס בן יאיר איז געוועזען ביי מיר, און איידער איך האָב מיר אויסגעקליבען אַנ'אָרט אין גן עדן האָבען זיי אויך מיר געוואַרט. אז איך בין צוריק געקומען האָט איין פייער ביי מיר אין שטוב אַרומגערינגעלט מיך און עס איז קיינער צו מיר נישט אַריין געקומען אָהן ערלויבעניש, און היינט זעה איך אז דאָס פייער איז נישטאָ און די שטוב איז פיעל מיט מענטשען.

א פייער פונ'ם הימעל איז אַראָפּ געקומען, און אַלע זענען פון זיין שטוב אַרויסגעגאַנגען.

רבי אבא און דירעשט חברותא זענען אויך אַרויסגעגאַנגען.

רבי אֶלעזר — האָט דער גאָטליכער תנא צו זיין זוהן געזאָגט — געה אַרויס און זעה צו רבי יצחק איז דאָ.

איך האָב פאַר איהם ערב געוועזען (אַזוי ווי אויבען שטייט) זאָג איהם (רבי יצחק'ן) אז ער זאָל זיך מסדר זיין זיינע רייד און ער זאָל זיך זעצען נעבען מיר, וואָרוּם איז צו זיין חלק.

דער גאָטליכער תנא ר' שמעון בן יוחאי האָט זיך אויפגעזעצט און האָט געלאַכט.

וואו זענען די חברותא?

רבי אֶלעזר האָט אַריין גערופען די חברותא.

די חברותא האָבען זיך געזעצט נעבען איהם.

ער האָט אויפגעהויבען זיינע ביידע הענד און ער האָט מתפלל געוועזען,

אלע פון די חברותא וואס זענען ביי מיר געוועזען אין יענער „אידרא קדישא" די זאלען נאר דא זיין.

אלע זענען ארוים געגאנגען.

זיין זוהן רבי אלעזר, רבי אבא, רבי יהודא, רבי יוסי בר׳ יעקב און רבי חייא זענען איגוויינינ אין שטוב געבליבען.

רבי יצחק איז אנגעקומען. — — — — —

ווי שיין איז דיין חלק רבי יצחק, האט דער גאטליכער תנא צו איהם געזאגט — וויפיעל שמחה וועט דיר געמעהרט ווערען דעם היינטיגען טאג.

אונטער דעם גאטליכעי תנא׳ס אקסעל האט זיך געזעצט — רבי אבא, פאר איהם האט זיך געזעצט — זיין זוהן רבי אלעזר.

(דער גאטליכער תנא רעדט) אצונד איז אינ׳ם הימעל אנ׳עת רצון, דאריבער וויל איך אריינגעהן לעולם הבא אהן חרפה.

די הייליגע רייד וואס זענען נאך נישט אנטפלעקט געווארען ביז אהער, וועל איך היינט אנטפלעקען פאר די שכינה, און זאל זי נישט זאגען אז איך בין אפגעטהוען געווארען פון דער וועלט בחסרון.

ביז אהער זענען אלע מיינע רייד פארבארגען געוועזען אין מיין הארץ, אבער אצונד וועל איך מגלה זיין די סודות „צו געהן לעולם הבא".

איך בין צו אייך מסדר:

רבי אבא זאל אלסדינג וואס איך וועל מגלה זיין — אויף שרייבען.

מיין זוהן רבי אלעזר זאל זיך אין דארינען מיהען.

דיזעשט חברותא זאל נאר טראכטען אין הארצען.

רבי אבא איז אויף געשטאנען פון ,אונטערן אקסעל אין זיין זוהן רבי שמעון׳ס האט זיך אויף רבי אבא׳ס ארט אנידער געזעצט.

שטעה אויף מיין קינד — האט ער צו זיין זוהן רבי אלעזר׳ן געזאגט — דא אויף רבי אבא׳ס ארט ברויכט אנ׳אנדערער צו זיצען.

רבי אלעזר האט זיך אויפגעשטעלט.

ער איז ארום געגאנגען איבער די שטוב, נאכהער האט ער זיך אנידער געזעצט.

ער האט אנגעהויבען זאגען גרויסע סודות.

רבי פנחס בן יאיר געהט, גרייט איהם אן אנ'ארט.

די חברותא זענען פון די רייד דערשראקען געווארען, און זיי האבען זיך געזעצט נידעריגער אויף די שטוב.

רבי אלעזר און רבי אבא זיצען ביי איהם. (רבי שמעון).

ער (רבי שמעון) זאגט ווייטער: אז מיר זענען געוועזען אין יענער „אידרא" האבען אלע געזאגט סודות און איך אויך מיט זיי, היינט וועל איך אליין זאגען.

הערט אלע צו, מיינע רייד. עליונים ותחתונים וועלען אויך הערען.

וואויל צו מיין חלק „היינטיגען" טאג.

ער האט געזאגט גרויסע סודות, און ווייטער האט ער געזאגט:

דו רבונו של עולם ווייסט אז איך האב דאס נישט געטהוען (די סודות געזאגט) פאר מיין כבוד וועגען, אדער פאר מיין פאטער'ס כבוד וועגען, נאר פון וועגען מיר, איך זאל נישט ארייננגעהן בחרפה פאר דיין היכל, — איך האב געזעהען אז הקדוש ברוך הוא מיט אלע צדיקים זענען מסכים (איינשטימונג) מיט מיר.

איך זעה ווי אלע זענען זיך משמח מיט מיין שמחה אזוי ווי א חתונה און אלע זענען אנגעבנייט לעולם הבא אין מיין שמחה.

וואויל איז צו מיין חלק.

רבי אבא זאגט: ווען די הייליגע ליכט (רבי שמעון) האט אויסגעלאזט די רייד, האט ער אויפגעהויבען זיינע הענד און האט אנגעהויבען — וויינען און לאכען.

ער האט געוואלט נאך עפעס מגלה זיין.

ער זאגט: אויף א זאך וואס איך האב מיינע גאנצע יאהרען זיך מצער געוועזען, אצונד גיעט מען מיר נישט קיין רשות דאס מגלה צו זיין.

ער האט זיך געשטארקט און האט זיך אויפגעזעצט און האט זיך געבוקט דריי מאהל, און קיינער פון זיי האט נישט געקאנט קוקען אויף זיין ארט. אויף איהם אליין האבען זיי זיך גאר נישט איינגעשטעלט צו קוקען

ער זאגט: מויל, מויל, דו האסט זוכה געוועזען צו דעם אלעם, דיין קוואל איז נישט דערטרונקען געווארען, דיין קוואל גייט אויף און הערט נישט אויף. אויף דיר (צום מויל) איז געזאגט געווארען דער פסוק „ונהר יוצא מעדן" און ווידער שטייט „כמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו" — אצונד בין איך אויף מיר מעיד, אז מיינע אלע יאהרען האב איך געהאפט אויף דעם „היינטיגען" טאג, ווארום דער טאג איז געקרוינט געווארען.

אצונד וועל איך מגלה זיין, זאכען פאר דעם אויבערשטען, ווארום אלע זענען געקרוינט אויף מיין קאפף.

ער האט אנגעהויבען זאגען סודות.

נאכהער האט ער געזאגט „כי שם צוה ד׳ את הברכה חיים" אז ער האט אויס-געלאזט דאסווארט „חיים" זענען זיינע רייד שטיל געווארען.

רבי אבא האט די ווערטער געשריבען און וויטער האט ער שוין נישט געוואוסט צו שרייבען. ער האט אויפגעהויבען זיין קאפ, ער האט אבער גאר נישט געקאנט זעהען, ווארום די ליכטיגקייט איז געוועזען „צו" גרויס.

ער איז זעהר דערשראקען געווארען און האט אנגעהויבען ציטערען.

א קול האט געשריען „אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך".

א צווייט קול האט געשריען „חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים עולם ועד".

דעם גאנצען טאג איז דאס פייער געוועזען אינ׳ם הויז.

קיינער האט נישט געקענט צו איהם צוקומען איבער די גרויסע ליכטיגקייט און פלאם פייער וואס האט געבען איהם געהערשט.

א גאנצען טאג איז רבי אבא געפאלען אויף דרערד און האט געשריען.

דאס פייער איז אוועקגעגאנגען...

די הייליגע ליכט רבי שמעון „קודש קדשים" איז אפגעטהוען געווארען פון דער וועלט. — — — —

ער איז געלעגען אינ׳ם בעט, זיין פנים האט געלויכטען מיט א גלאנצקייט.

זיין זוהן רבי אלעזר איז צו איהם צוגעגאנגען. ער האט גענומען זיינע הענד און האט זיי געקושט.

רבי אבא האט געקושט צו די ערד וואס אונטער זיינע פיס.

די חברותא האבען אנגעהויבען וויינען און האבען נישט געקאנט רעדען.

רבי אלעזר (דער זוהן) איז געפאלען דריי מאהל און האט נישט געקאנט עפענען די מויל.

נאכ׳ן האט ער (דער זוהן) אנגעהויבען:

אבא, אבא, אצונד פארוואנלען די חיות, און די פויגלען טהוען שוועבען און ווערען איין געטרונקען אין דעם „גרויסען טאג" און די חברותא טרונקען בלוט.

רבי חייא האָט געזאָגט: בּיז איצטער האָט אויף אונז משתדל געווען דער „בוצינא קדישא", און היינט איז נישטאָ קיין צייט נאָר מען זאָל זיך מיט איהם, מיט זיין כבוד משתדל זיין.

רבי אֶלעזר און רבי אבא האָבען איהם געבּראַכט אויף דער מטה.

די שטוב האָט אָנגעהויבּען שמעקען מיט זעהר אַ מהיימערען געשמאַק.

קיינער אויסער רבי אֶלעזר און רבי אבא האָט איהם נישט משמש געווען.

עס איז געוואָרען אַ „וויכּוח" צווישען די שטעדט וואָס אַרום איהם, איטליכער האָט געוואָלט אַז ער זאָל בּיי זיי ליגען.

די „מטה" איז פון שטוב אַרויס אין דער לופטען, און אַרום איהר (די מטה) האָט געפלאַמט אַ גרויס פייער.

אַ קול האָט געשריגען: „זאַמעלט אייך איין צו די הילול".

אַ צווייטע קול האָט געשריגען: דאָס איז דער מענטש וואָס האָט געמאַכט שטורימען די ערד און האָט געמאַכט ציטערען די מלכות, וויפיעל דינים ווערען „היינטיגען" טאָג געשטילט, צוליעב רבי שמעון בן יוחאי.

ווארויל איז צו זיין חלק „למעלה ולמטה".

אויף איהם איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק: „ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין".

## 56.

# די קראַנקהייט פון רבּי אֱליעזר'ן.

ווען די תלמידים זענען געגאַנגען מבקר זיין ר' אֱליעזר'ן (ווארום ער איז דענסטמאָהל קראַנק געווען) האָבּען זיי איהם געבּעטען אַז ער זאָל זיי זאָגען ווי אַזוי זיי זאָלען זיך פיהרען כדי זיי זאָלען קענען זוכה זיין צו עולם הבא. האָט ער זיי געענטפערט: איהר זאָלט זעהען צו אָפּהיטען די דריי זאַכען: א) איהר זאָלט זעהען צו בּכבוד האַלטען אייערע חברים. ב) אייערע קינדער זאָלט איהר האַלטען צווישען

תלמידי חכמים און ג) אז איהר דאווינט זאָלט איהר אין זינען האָבען פאַר וועמען איהר דאַווענט. און אזוי אַרום וועט איהר זוכה זיין צו עולם הבא.

# 57.

# די קראַנקהייט פון רבי יוחנן בן זכאי.

רבי יוחנן בן זכאי איז קראַנק געוועזען און זיינע תלמידים זענען צו איהם געקומען מבקר זיין. אזוי ווי ער האָט זיינע תלמידים דערזעהען האָט ער אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען, זיי האָבען איהם געפרעגט פאַר וואָס ער וויינט האָט ער געענטפערט: ווען מען וואָלט מיך געפיהרט צו אַ מלך אַ פּראָסטער „בשר ודם" וואָס אויך ער איז „היינט דאָ און מאָרגען דאָרט" וואָס אַז ער כעס'ט איז עס נישט קיין אייביגער כעס און וואָס ער טהוט איז נישט אויף אייביג, ווארום מען קען דאָך איהם איבערבעטען מיט רייד אָדער זיך אָפּלייזען פאַר געלד וואָלט איך אויך געוויינט. מכל שכן יעצט וואָס מען פיהרט צו דעם „קעניג איבער אַלע קעניגען" וואָס אַלעם זיינס איז אַן אייביגקייט און איהם קען מען פאַר קיין געלד נישט אונטערקויפען, און נאָך מעהר ער האָט צוויי וועגען פאַר מיינטוועגען, אַ גהינם און אַ גן עדן, און איך וויים נישט ווי מיין אָרט וועט זיין דאָ מוז איך דאָך אויף געוויס שטאַרק וויינען, די תלמידים האָבען איהם געבעטען אַז ער זאָל זיי בענטשען האָט ער זיי געבענטשט מיט דעם: „עס זאָל אויך אייך זיין דער ווילען אַז איהר זאָלט מורא האָבען פאַר'ן אויבערשטען אזוי ווי פאַר אַ בשר ודם". האָבען איהם די תלמידים געפרעגט: רבי וואָס מיינט מען דערמיט? האָט ער זיי געענטפערט: אַז אַ מענטש בעת ער טהוט אַן עולה אַנטקעגען אַ צווייטען היטעט ער זיך אַז יענער זאָל דאָס נישט זעהען ווארום ער האָט שטאַרק מורא דערפאַר.

בעת ער האָט געהאַלטען פאַר די פטורה האָט ער געהייסען זיי זאָלען אַרויסנעמען פון שטוב אַלע כלים כדי זיי זאָלען נישט טמא ווערען, און נאָכ'ן האָט ער געהייסען מאַכען אַן אָרט פאַר חזקיהו דער קעניג פון יהודא.

## 58.

# רַבִּי עֲקִיבָא אִין גֶעפֶענְגְנִישׁ.

דאָס „מלכות־יון" האָט אַמאָהל גוזר געווען אַז ווי מען וועט זעהען אַ יודען זיצען און לערנען זאָל מען איהם איינזעצען אין ארעסט. רבי עקיבא איז געזעסען און האָט געלערענט מיט אנ'עדה יודען, און אין מיטען לערנען איז צו איהם צו געקומען פפוס בן יהודא און האָט צו איהם געזאָגט: דו האָסט גאָר נישט קיין מורא פאַר דער גזירות המלכות, דו ווייסט דאָך אודאי גאַנץ גוט דעם איסור וואָס איז חל אויף אונז, און דעם פסק וואָס ס'קומט אייך פאַר אזא זאַך ווי צו זיצען און לערנען, דער אויף — האָט איהם רבי עקיבא געענטפערט — אַמאָהל איז אַ פוקס פאַר אַ טייך אַ דורך־געגאַנגען און האָט געזעהען ווי פיש זאַמלען זיך איין אויף אנ'ארט. וואָס לויפט איהר — האָט זיי דער פוקס געפרעגט — מיר אַנטלויפען פאַר די נעטצען וואָס די פישער פערשפרייטען אונז צו חאַפּען — האָבען זיי דעם פוקס געענטפערט. ברויכט איהר דאָך נישט צו אַנטלויפען — האָט דער פוקס צו זיי ווייטער גערעדט — קומט אַרויס אויף די יבשה וועל איך מיט אייך בעזאַמען וואָהנען אַזוי ווי מיינע עלטערען האָבען צו זאַמען מיט אייערע עלטערען געוואוינט. דו ביסט דאָס דער קלוגסטער פון אלע חיות אַזוי ווי מען זאָגט אויף דיר — האָבען די פיש צו איהם געענטפערט — מיר זעהען אַז דו ביסט אַ גרויסער טיפש, דאָ ווי מיר קענען לעבען האָבען מיר מורא צו זיין, אַ קל וחומר אויף דעם ארט וואָס שאַדט אונז צום לעבען אַז מיר קענען אויף קיין פאַל נישט זיין, (דאָס האָט רבי עקיבא געזאָגט צו פפוס בן יהודא בדרך משל) — אַזוי איז דאָ — האָט רבי עקיבא צו איהם (פפוס בן יהודא) געזאָגט — מה דאָך אַז מיר זיצען אין לערנען האָבען מיר מורא אַז מיר וועלען גאָר נישט לערנען וועט דאָך אונז ערגער זיין.

אין אַ גאַנץ קורצע צייט איז דער מלך דער פון געוואָהר געוואָרען און מען האָט רבי עקיבא'ן איינגעזעצט אין תפיסה. אויך פפוס בן יהודא האָט מען אינאיינעם מיט רבי עקיבא'ן איינגעזעצט. פפוס בן יהודא האָט — אין די תפיסה — צו רבי עקיבא'ן געזאָגט: וואויל איז דיר וואָס מען האָט דיך פון די גמרא אַוועקגענומען, שלעכט און ביטער איז מיר, וואָס מיך האָט מען פון די נאַרישקייטען אַוועק גענומען (און תפיסה אריין) געוועהנטלעך האָט מען רבי עקיבא'ן גע'פסק'נט — מיתה, —

אין דער צייט וואָס מען האָט רבי עקיבא'ן אַרויסגענומען אויסצופיהרען זיין שטראָף. איז געווען דער זמן קריאת שמע, מען האָט איהם זיין לייב געקעממט מיט אייזערנע קאַמען, און בעת מעשה האָט ער אויף זיך געהאַט אנ'עול מלכות שמים. נאָכדעם האָט ער געזאָגט: מיינע גאַנצע יאָהרען האָב איך געקלעהרט ווי אַזוי איך וועל מקיים זיין דעם ובכל נפשך (אפילו נוטל את נשמתך) יעצט אַז עס איז מיר

אונטער געקומען וועל איך עס אויף געוויס מקיים זיין. ער האט געזאגט שמע ישראל אז ער איז געקומען צו „אחד״ האט ער אזוי לאנג געצויגען ביז וואנען די נשמה איז פון איהם ארויסגעגאנגען. פונ׳ם הימעל איז אין בת קול אראפ און האט געזאגט: וואויל איז צו דיר רבי עקיבא וואס דיר איז די נשמה אויסגעגאנגען ביים ווארט — אחד. א צווייטע בת קול האט געזאגט: וואויל איז צו דיר רבי עקיבא וואס דו בזיסט אנגעבריים צו האבען עולם הבא.

## 59.

# רבי חנינא האט געבעטען אז דער רעגען זאל נישט גיין און עס איז מקוים געווארען.

רבי חנינא בן דוסא איז געגאנגען אין וועג און א רעגען האט אנגעהויבען צו גיסען, דער רעגען האט איהם שטארק מצער געוועזען. „רבונו של עולם — האט ער געזאגט — די גאנצע וועלט איז אין נחת און איך בין אין צער צוליעב דעם רעגען וואס איז פונקט אנגעקומען אין מיטען מיין וועג״ — האט באלד אויף געהערט צו רעגענען. אז ער איז אהיים געקומען האט ער ווידער געזאגט „רבונו של עולם די גאנצע וועלט איז אין צער ווייל זיי ברויכען צו האבען רעגען און איך זאל זיין אין נחת״ — ארויסזאגענדיג דאס האט באלד ווידער אנגעהויבען צו רעגענען.

## 60.

# די מעשה פון רבי נחום איש גם זו (זעהר וואונדערליך).

רבי נחום איש גם זו *) איז געלעגען אין א שטוב וואס איז געוועזען זעהר

*) גם זו, איז דער טייטש: אויך דאס, ווייל וואס פאר א זאך עס האט זיך פאסירט

אַנ'אַלטע און האָט געהאַלטען בײַם אײַנפאַלען. ער איז געװעזען רחמנא ליצלן בלינד אויף די אויגען, געלענקט די הענד און קײן פיס האָט ער אויך נישט געהאַט, אויסער דעם אַלעם איז זײַן קערפּער פיעל געװעזען מיט פערשיעדענע צרעת'ן. ער איז געלעגען אין אַזאַ בעט װאָס די פיס פונ'ם בעט זענען געשטאַנען אין שיסלען װאַסער, כּדי קײן מילבען זאָלען צו איהם נישט קענען צוקומען. אײַנמאָהל האָבען איהם די תלמידים געװאָלט פון שטוב אַרױסנעמען, געװעהנליך איז אין שטוב אַנדערע זאַכען אַ חוץ ער — געװעזען און זײ האָבען געװאָלט פריהער איהם אַרױסנעמען נאָכהער — די זאַכען. נעמט די זאַכען פריהער פון שטוב אַרױס נאָכהער װעט איהר מיך אַרױסנעמען — האָט ער צו זײ געזאָגט — װאָרום כּל זמן איך בין דאָ אין שטוב איז די שטוב אויך דאָ. זײ האָבען די זאַכען פריהער פון שטוב אַרױסגענומען אַזױ װי ער האָט זײ געהײסען און נאָכ'ן האָבען זײ איהם פון שטוב אַרױס גענומען, אַזױ װי זײ האָבען איהם פון די שטוב אַרױס גענומען איז זי אײַנגאַנצען צופאַלען, רבי — האָבען איהם די תלמידים — פאַר גרױס װאונדער — געפרעגט — אַז די בּיסט יאָ אַזאַ גרױסער צדיק טאָ פאַרװאָס זענען אויף דיר אַזעלכע יסורים? הערט אויס װעל איך אײַך דערצעהלען האָט ער צו זײ געזאָגט און ער האָט דערצעהלט: געװעזען איז דאָס אין דער צײַט װאָס איך בין צו מײַן שװער געגאַנגען און האָב מיט זיך מיט געפיהרט דרײַ אײזלען, אויף אײן אײזעל האָב איך געהאַט — עסענװאַרג, אויפ'ן צװײטען — געטראַנקען און אויפ'ן דריטען — פערשידענע קלײדער. אין די זעלבע צײַט איז צו מיר אַנ'אָרימאַן צו געקומען און האָט מיך אָפּגעשטעלט אין װעג און ער האָט בײַ מיר געבעטען — עפּיס עסען, און איך האָב איהם געענטפערט: װאַרט אונטער אַבּיסעל ביז װאַנען איך װעל דעם אײזעל אױפבינדען. דערװײַל, אײדער איך האָב דעם אײזעל אויפגעבינדען, איז דער אָרימאַן פאַר שרעקליכען הונגער נויט — געשטאָרבען. דאָס טרעפונג האָט אויף מיר אַ שטאַרקען אײַנדרוק געמאַכט און איך בין אויף זײַן פּנים געפאַלען און האָב געזאָגט די אויגען װאָס האָבען זיך אויף דײַנע אויגען נישט דערבאַרעמט — זאָלען בלינד װערען, די הענד — זאָלען געלענקט װערען און די פיס מײַנע — זאָלען אָפּגעהאַקט װערען, און עס איז נאָך מיר װײניג געװעזען, איך האָב נאָך צו זיך נישט געקענט קומען און האָב נאָך געשאָלטען מײַן גאַנצען קערפּער אַז ער (דער קערפּער) זאָל פול װערען מיט צרעת. — די תלמידים האָבען דאָס דערהערט האָבען זײ אין אַ געװײן געזאָגט: װײ איז צו אונז װאָס מיר זעהען דיך אין אַזאַ מעמד (שטאַנד). האָט ער (רבי נחום איש גם זו) צו זײ (צו די תלמידים) געזאָגט: װײ װאָלט מיר געװעזען אַז איהר װאָלט מיך אין אַזאַ מעמד װי איצטער — נישט געטראָפען.

---

געטראָפען אפילו עפּיס שלעכטס האָט ער געזאָגט „גם זו לטובה" אויף דאָס איז צום גוטען, דעריבער האָט מען איהם גערופען „נחום איש גם זו".

## 61.

# די וואונדער וואס חוני המעגל האט בעווירזען מיט א רעגען.

דער שטייגער איז אז ראש חדש אדר — רעגענט, איינמאהל האט זיך געטראפען (בימי חכמי התלמיד) אז עס איז שוין געהאט באלד פאריבער דער גאנצער חודש אדר און קיין רעגען האט מען נישט געזעהען. מען האט געשיקט צו חוני המעגל *) אז ער זאל עפיס זעהען צוטהוען דערצו. ער האט מתפלל געוועזען צום אויבערשטען אז ער זאל שיקען — רעגען. ער האט (צום רבונו של עולם) געזאגט: איך שווער ביי דיין נאמען דעם גרויסען אז איך וועל פון דאנען נישט אוועקגעהן ביז וואנען ס'וועט אנהויבען צו רעגענען.

באלד האט אנגעהויבען א גאנץ קליינער רעגען צו געהן.

האט ער (חוני המעגל) ווייטער געזאגט: רבונו של עולם נישט אזוי האב איך געמיינט. און באלד איז זעהר א שטארקער רעגען פונ'ם הימעל אראפ. דער רעגען איז געוועזען אזוי שטארק אז מען האט איבערגעמאסטען א קראפלע האט זי געהאט — א קווארט. זיי האבען געזעהען אז דער רעגען איז זעהר א שרעקליכער האבען זיי איהם געפרעגט צו דער אויבערשטער וויל חרוב מאכען די וועלט, האט ער ווידער מתפלל געוועזען און דער רעגען איז געגאנגען שוין לייכטער. נאכהער האבען זיי איהם געבעטען אז אזוי ווי ער האט געפוילט אז ס'זאל געהן רעגען זאל ער ווידער פועל זיין מיט זיינע תפילות אז דער רעגען זאל אויפהערען. ער האט אפילו נישט געוואלט צוליעב טהוען ווייל אז מען האט צופיעל טובה ברויך מען נישט צושטערען נאר פונדעסטוועגען האט ער זיך געהייסען ברענגען אנ'אקס (ס'איז געוועזען יוען ס'בית המקדש איז נאך געוועזען) וואס ער זאל דערויף מתודה זיין און ער האט מתודה געוועזען פאר'ן אויבערשטען מיט דעם לשון: רבונו של עולם, דאס פאלק וואס די האסט פון לאנד מצרים ארויסגענומען קען נישט בייששטיין צופיעל פורעניות (שטראף) אדער צופיעל טובה דאריבער בעהט איך דיך אז דער רעגען זאל זיך ענדיגען. — באלד איז געקומען א ווינד, די וואלקענעס זענען זיך פונאנדער געגאנגען, די זון האט אנגעהויבען צוריק ווי תמיד צושיינען, און דער עולם איז ארוים אויפ'ן פעלד און האט געקליבען — שוואמען.

רבי שמעון בן שטח איז פון די מעשה געוואהר געווארען, האט ער צו איהם געזאגט: ווען די ביסט נישט „חוני" וואלט איך דיך אינ'ם חרם געלייגט, נאר וואס זאל איך טהוען אז דער אויבערשטער פיהרט זיך מיט דיר ווי א געצייריי־ער

*) אינ'ם צווייטען נומער (№ 62) שטייט ווער דער חוני המעגל איז געוועזען.

באָטער וואָס האָטש דאָס קינד האָרכט איהם נישט, פונדעסטוועגען ברענגט ער איהם פערשידענע צוקערקעס.

# 62.

## געשלאָפען זיעבציג יאָהר.

איינמאָהל איז חוני המעגל געגאַנגען אין וועג און האָט געזעהען ווי איינער פלאַנצט בּיימער, האָט ער איהם געפרעגט ווי לאַנג בּרויך דויערען אַז די בּיימער זאָלען פון זיך עפּיס אַרויס געבּען, האָט ער געענטפערט אַז זיעבּציג יאָהר בּרויך דויערען בּיז וואַנען די בּיימער וועלען קענען עפּעס אַרויסגעבּען. רעכנסטו נאָך צו לעבּען זיעבּציג יאָהר? — האָט איהם חוני המעגל געפרעגט — ניין, האָט דער פלאַנצער צו חוני המעגל געענטפערט, איך רעכען נישט אַזוי לאַנג צולעבּען נאָר אַזוי ווי מיין טאַטע האָט איינגעפלאַנצט פאַר מיינטוועגען אַזוי פלאַנץ איך אַז עס זאָל זיין פאַר מיינע קינדער און קינד־קינדער'ס וועגען. — חוני המעגל האָט זיך דאָרט אַנידער געזעצט און ער איז איינגעשלאָפען.

אַ פעלזען שטיין האָט איהם בּאַדעקט און ער איז אַזוי געשלאָפען זיעבּציג־יאָהר. ענדע זיעבּציג יאָהר איז ער אויף געקומען, און האָט געזעהען ווי איינער קלויבּט פּירות פון די געפלאַנצטע בּיימער, האָט ער איהם געפרעגט צו ער איז דאָס דער איינענער וואָס האָט די בּיימער געפלאַנצט, האָט ער געענטפערט — ניין, איך בּין נישט דער איינענער וואָס האָט די בּיימער געפלאַנצט, די בּיימער האָט מיין זיידע פערפלאַנצט. אַזוי — האָט חוני המעגל צו זיך גערעדט — אַזוי, בּין איך דאָך אויף דעם אָרט זיעבּציג יאָהר געשלאָפען!

ער איז געגאַנגען אין שטאָדט אַריין און האָט זיך נאָך געפרעגט צו ווער ווייסט ווי חוני המעגל'ס זוהן וואָהנט, האָבּען זיי איהם געענטפערט אַז חוני המעגל'ס זוהן איז שוין פון לאַנג געשטאָרבּען, נאָר זיינס אַנ'איינִיקעל איז יאָ נאָך דאָ. — ער האָט זיי דערצעהלט אַז ער איז דאָס „חוני המעגל" האָבּען זיי איהם נישט געוואָלט גלויבּען. ער איז אַוועקגעגאַנגען אין בּית המדרש אַריין, און פונקט האָט ער געטראָפען ווי די רבּנן רעדען צווישען זיך אַזעלכע חידושים וואָס ער (חוני המעגל) האָט זיי מחדש (אויפגעטהון) געוועזען. די אַלע זאַכען וואָס זיי (די רבּנן) איז שועהר געוועזען איג'ם לערנען, האָט ער (חוני המעגל) זיי פאַרענטפערט. — ער האָט זיי געזאָגט אַז ער איז „חוני המעגל" האָבּען זיי איהם אָנגעקוקט און האָבּען

אִיהם נִישׁט גֶעוואָלט גלויבֶּען, און זַיי האָבֶּען אִיהם נִישׁט אָפּגֶעגֶעבֶּען דעָם כבוד ווִי אִיהם גֶעקומֶען אִיז, עֶר האָט דעָרפוּן גֶעהאַט שׁטאַרק חלשות הלב און עֶר האָט גֶעבֶּעטֶען בּיַים רבונו של עולם אַז עֶר זאָל אִיהם דעָם טוידט צושִׁיקֶען, און עֶר אִיז גֶעשׁטאָרבֶּען.

## 63.

# רַבִּי יַנְאַי הָאט גֶעיָאגְט אַ שְׁלַאנְג.

רבי ינאי בעת עֶר האָט גֶעדרשנט האָט עֶר דעָרזעֶהעֶן אַ בּיַיזֶען שׁלאַנג גֶעהֶן פון וועֶלכעֶ זַייט עֶר האָט אִיהם (דעָם שׁלאַנג) גֶענומֶען יאָגֶען, אִיז עֶר אַלץ צוריק גֶעלאָפֶען. רבי ינאי האָט דאָס דעָרזעֶהעֶן האָט עֶר גֶעזאָגט: אִיהר זאָלט ווִיסֶען אַז דעָר שׁלאַנג אִיז גֶעשִׁיקט גֶעוואָרֶען טהוּען אַ שליחות. — אַבִּיסעֶל שׁפּעֶטעֶר אִיז מעֶן אִין שׁטאָדט גֶעוואָהר גֶעוואָרֶען אַז דעָר שׁלאַנג האָט גֶעבִּיסֶען צו אַ מעֶנטש און עֶר האָט אִיהם גֶעהרג'ט.

## 64.

# אִין וָועלְכֶען זְכוּת מֶען לֶעבְּט.

רבי ישמעאל בן רבי יוסי האָט גֶעפרעֶגט צו רבי'ן אִין ווּעלכֶען זכות די פון בבל לעֶבֶּען האָט עֶר גֶעעֶנטפעֶרט: די פון בבל לעֶבֶּען אִין דעָם זכות פון די תורה וואָס דאָרטֶען ווערט גֶעלעֶרעֶנט; די פון די שׁטאָדט ירושלים לעֶבֶּען — אִינ'ם זכות פון מעשר וואָס זַיי גִיעבֶּען און די פון חוץ לארץ לעֶבֶּען — אִינ'ם זכות וואָס זַיי האַלטֶען דעָם שבת און רוהעֶן אִין אִיהם.

## 65.

# רַבִּי תַּנְחוּמָא הָאט גֶעבֶּעהטֶען אוֹיף רֶעגֶען.

אין רבי תנחומא'ס צייטען האט זיך געמאכט א הונגער ווייל עס איז נישט געגאנגען קיין רעגען. די שטאדט איז געקומען צו איהם פרעגען וואס זיי זאלען טהוען האט ער זיי געהייסען גוזר תענית זיין. זיי האבען געהאלטען דעם תענית און קיין רעגען איז נאך אלץ נישט געגאנגען זענען זיי ווייטער צו איהם געקומען פרעגען וואס זיי זאלען טהוען. גערהט און גיעט צדקה. — האט ער זיי דאס מאהל געזאגט — זיי האבען אנגעהויבען צו געבען צדקה. — איינמאהל האבען זיי געזעהען ווי איינער גיעט צדקה זיינם א געשווענען ווייב — א גרושה, זענען זיי געגאנגען און האבען דאס דערצעהלט צו רבי תנחומא'ן. ער האט געהייסען אז זיי זאלען איהם ברענגען און זיי האבען איהם געבראכט צו רבי תנחומא'ן. רבי תנחומא האט איהם געפרעגט פארוואס ער האט געגעבען צו זיין גרושה — געלד האט ער גע‑ענטפערט: איך האב געזעהען אז זי איז אין א צרה האב איך אויף איהר רחמנות בעקומען און האב איהר — געלד געגעבען. רבי תנחומא האט דאס דערהערט האט ער זיין פנים צום הימל אויפגעהויבען און האט געזאגט: רבונו של עולם מה דאך די גרושה וואס איהר קומט נישט ביי איהם קיין מזונות און אויך ער ברויך איהר קיין מזונות נישט צוגעבען און פונדעסטוועגען האט ער אויף איהר רחמנות געקריגען און ער האט איהר יא געגעבען, מיר — וואס מיר זענען דיינע געליבבסטע קינדער, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב און די וואס די ביזט א גאט אנ'ערבארמיגער ברויכסט דאך אודאי אויף אונז רחמנות צו האבען. — נאך די רייד האט אנגעהויבען צו רעגינען.

## 66.

# דֶער וִיכּוּחַ פוּן דִי מַטְרוֹנִיתָא מִיט רַבִּי יוֹסִי'ן.

די מטרוניתא האט געפרעגט רבי יוסי בר חלפתא און וויפיעל טעג דער אויבערשטער האט בעשאפען די וועלט האט ער געענטפערט אז אין זעכס טעג האט דער אויבערשטער די וועלט בעשאפען. וואס טהוט ער פון דענסטמאהל אן ביז היינט? האט די מטרוניתא ווידער געפרעגט רבי יוסי'ן — פון דאמאלסט אן איז ער

עוסק אין מזווג זיווגים, די פרוי זאָל געהערען צו יענעם מאַן א. ז. וו. אַזוי דאָס איז עס — האָט די מטרוניתא זעהר פערוואונדערט צו רבי יוסי'ן געזאָגט — דאָס וועל איך דאָך אויך קענען טהוען. ווארום איך האָב אַזוי פיעל קנעכט אין דיענסטען קען איך זיי דאָך מזווג זיין אין איין שעה. אַזוי — האָט איהר רבי יוסי געענט־פערט — אַז ביי דיר איז דאָס מאַקי אַזוי גרינג איז עס אָדער ביים אויבערשטען שוועהר ווי קריעת ים סוף. — זי איז פון איהם אוועקגעגאַנגען און זי האָט צוזאַמען גערופען איהרע אַלע בעדינער: טויזענד קנעכט און טויזענד דיענסטען. זי האָט זיי אויסגעשטעלט אין שורות און זי האָט געזאָגט: „דער זאָל נעמען די און יענע דעם" אַזוי האָט זי מזווג געווען איהרע צוויי טויזענד דיענער'ס אין איין נאַכט. — אויף צומאָרגענס האָט קיין איינער פון די בעדינער נישט געהאַט קיין גאַנץ אבר וואָרום זיי האָבען נישט בעשטאַנען אויף זייער הערינטעס בעפעהל.

זי האָט דאָס דערזעהען האָט זי געשיקט רופען רבי יוסי'ן. אַז ער איז צו איהר געקומען האָט זי איהם געזאָגט: יעצט זעה איך אַז ס'איז אמת וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. אייער תורה איז אמת און אַלעס וואָס ביי אייך איז שעהן און גוט.

ח.

# אַ שְׁלַאנְג הָאט פֶערְגִיפְטֶעט אַ חָתָן אִין דֶערְצַייט פוּנ'ם „חָתָן מָאהְל".

איינער פון די גאַנץ רייכע לייט האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן און האָט פאַר־בעטען געסט צו זיך אויף די מאָהלצייט. אין מיטען עסען האָט ער געזאָגט צום חתן „געה אין קעלער אַריין און ברענג אַרויף — וויין" דער חתן איז אַראָפּ געגאַנגען אין קעלער טהוען דאָס וואָס דער פאָטער האָט איהם געהייסען. זייענדיג אין קעלער איינער אַליין איז צו איהם אַ שלאַנג צוגעגאַנגען האָט איהם אַ ביס געטהון און ער איז געפאַלען — טוידט. דער פאָטער זיינער האָט געזעהען אַז ער זאָמט זיך אַ צייט און ער איז נאָך נישטאָ איז ער אַליין אַראָפּ אינ'ם קעלער זעהען די סיבה פאַרוואָס דער זוהן זיינער איז נאָך נישטאָ. ווי ערשטוינט איז ער אָדער געוואָרען אַז ער האָט געזעהען אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיין זוהן, דער חתן, געפינט זיך העלפען האָט ער זיך גאָר נישט געקאָנט, און ער האָט זיך געשטאַרקט און איז אַרויף אין שטוב. זעהענדיג אַז מ'האָלט שוין ביים בענטשען האָט ער צו די געסט געזאָגט: בענטשט נישט קיין

ברכת חתנים נאָר בענטשט ברכת אבלים. זיי האָבען אַלע פערשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט און האָבען זיך שטאַרק מצער געוועזען דערויף.

## 68.

# רַבִּי חֲנַנְיָה אִיז מִיט זַיין תְּפִלָּה מְחַיֶּה דָאס וַוייבּ.

רבי חנניה בן חכינאי און רבי שמעון בן יוחאי האָבען ביידע געלערענט ביי רבי עקיבא'ן. געלערענט האָבען זיי דרייצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד. רבי שמעון בן יוחאי האָט געוויסט וואָס ביי איהם אין שטוב הערט זיך, רבי חנניה — האָט נישט געוויסט. איינמאָהל האָט רבי חנניה'ס ווייב געשיקט צו איהם אַ בריעף אַז ער זאָל אַהיים קומען און זאָל חתונה מאַכען זייער טאָכטער. ער האָט נישט געוואָלט מבטל זיין פונ'ם לערנען און ער האָט רבי עקיבא'ן גאָר נישט דערצעהלט פונ'ם בריעף איינמאָהל האָט רבי עקיבא אין מיטען לערנען געזאָגט: דער וואָס האָט אַ טאָכטער חתונה צו-מאַכען זאָל ער אַהיים פאָהרען צו הויז און איהר חתונה מאַכען. רבי חנניה האָט פערשטאַנען אַז דאָס מיינט מען — איהם וואָרום רבי עקיבא האָט דאָס געזעהען מיט רוח הקודש. ער האָט געבעטען ביי רבי עקיבא'ן רשות (ערלויבעניש) און ער איז אַהיים געפאָהרען. אַהיים קומענדיג האָט ער געטראָפען זיין דירה נישט אויף דעם איינענעם אָרט, וואָרום זיי האָבען זיך געהאַט איבערגעטראָגען דורך די צייט אין אַנ'אַנדער וואָהנונג אַריין. ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טהוען, איז ער גע-נאַגנען אויף דעם אָרט ווי זיי נעמען וואַסער אָפשר וועט ער דאָרט וועמען טרעפען און אַזוי אַרום וועט ער שוין וויסען ווי זיין דירה איז. ער איז צוגעקומען צום יענינען אָרט האָט ער געהערט ווי די ווייבער זאָגען „חכונאי'ס טאָכטער נעם אַ קריג וואַסער" ער האָט באַלד דערזעהען זיין טאָכטער און ער איז איהר נאָכגעגאַנגען ביז צו זיך אין שטוב אַריין. אַריינקומענדיג אין שטוב האָט דאָס ווייב זיינס פאַר גרויס איבערראשונג בעקומען דעם טוירט אויפ'ן אָרט. — — — —

רבונו של עולם — האָט רבי חנניה מתפלל געטהוען — דאָס איז דער שכר איהרער פאַר מיין תורה? — זיין תפלה איז אָנגענומען געוואָרען אינ'ם הימעל און דאָס ווייב זיינס איז לעבעדיג געוואָרען.

# 69.

# א מעשה פון מדרש.

דער מדרש זאגט, *) ס'איז אמאהל געוועזען א גרויסער עושר וואס האט געהאט א בת יחידה זעהר א שעהנע. די טאכטער זיינע האט שוין געהאט דריי מענער און קיין איינער האט ביי איהר לענגער נישט געלעבט ווי א טאג ווארום די אלע דריי זענען אויף צומארגענס נאך די חתונה רחמנא ליצלן געשטארבען. זי האט ביי זיך אפגעמאכט — נישט חתונה האבען ווארום זי האט נישט געוואלט אז עס זאלען צוליעב איהר נאך מענער געהן פון דער וועלט. (זי ווערט אנגערופען — קטלנית).

די קטלנית'ס פאטער (דער עושר) האט געהאט אן'ארימען ברודער, דער ברודער האט געהאט צעהן קינדער, זיין פרנסה איז געוועזען אז ער מיט די קינדער פלעגען האקען האלץ אין וואלד און עס פיהרען אין שטאדט אריין צום פערקויפען. איינמאהל האט זיך עפיס געטראפען א סבה און זיי האבען נישט געהאט קיין האלץ צום פערקויפען און דערפאר האבען זיי א גאנצען טאג געהונגערט, ווארום זיי האבען קיינמאהל נישט פערדיענט מעהר ווי אויף דעם טאג עסען, און קיין איבעריגעס אויף צומארגענס האבען זיי קיינמאהל נישט געהאט. ויהי ממחרת, אויף צומארגענס נאך דעם הונגער טאג זענען זיי וייטער, אזוי ווי זייער שטייגער איז געוועזען, געגאנגען אין וואלד האקען האלץ. קומענדיג אין וואלד האט דער פאטער זייערער געחלש'ת מחמת דעם וואס ער איז געוועזען אויסגעהונגערט פונ'ם נעכטיגען טאג. איינער פון די זיהן בעמערקענדיג דעם פאטער זיינעמ'ס אויסזעהן האט זיך שטארק צום הארצען גענומען און האט הייסע ביטערע טרעהרען געלאזט, ער האט ביי זיך אפגעשטומט אוועק צופאהרען אין די שטאדט ווי זיין פאטער'ס ברודער, דער גביר, וואגט, און דארט אפשר וועט איהם גאט העלפען אז ער וועט עפיס קענען דעם פאטער זיינעם א טובה טהוען אין דער פרנסה אז ער זאל שוין מעהר נישט ברויכען אזוי שוועהר צו ארבייטען, און צו הונגערען טעג. אזוי האט ער טאקי געטהון: ער האט גענומען ערלויבעניש ביי פאטער און מוטער זיינע און ער האט זיך געזעגענט און איז פון זיין שטאדט אוועק געפאהרען.

ער איז אריינגעקומען צו זיין פעטער אין שטוב אריין. אזוי ווי זיי האבין איהם דערזעהען זענען זיי שטארק פרעהליך געווארען, און האבען איהם אויפגענומען זעהר איידעל. זיי האבען איהם געפרעגט וואס ביי איהם און שטוב הערט זיך וואס די עלטערען מאכען און ער האט זיי אלסדינג דערצעהלט. ער האט זיך מיט זיי אוועק

*) מדרש תנחומא פרשת האזינו —

געפּרעהט זיעבּען טאָג. זייענדיג דאָרט אַ וואָך ציים האָט דעם פּעטער זיינעמ'ס טאָכטער געפונען חן בּיי איהם אין די אויגען און ער האָט געוואָלט דוקא מיט איהר חתונה האָבּען. ער האָט בּעשלאָסען דאָס דאָזיגע איבּערצוגעבּען זיין פּעטער. איינמאָהל בּיי אַ פּאַסענדע געלעגענהייט איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פּעטער און ער האָט געזאָגט: פּעטער איך בּאַגער פון אייך אַ שטיקעל טובה אַז איהר זאָלט עס מיר טהוען נאָר איך קען דאָס אייך פריהער נישט פערטרויען בּיז וואַנען איהר וועט מיר שווערען אַז איהר וועט עס מיר צוליעבּ טהוען. דער פּעטער האָט גערעכענט אַז סיי ווי סיי מעג ער איהם צו שווערען, ווייל — האָט ער גערעכינט — מן הסתם וויל ער עפּעס געלד אָדער מתנות פון איהם און דאָס וויל ער טאַקי צוליעבּ טהוען, ווייל דער בּחור האָט בּיי איהם אין די אויגען — געפעלינקייט געפינען. (אין אמת'ן איז דער בּחור געוועזען זעהר אַ שעהנער און אויך אַ קלוגער) דער פּעטער האָט איהם געשוואוירען און ער האָט איהם דערצעהלט אַז זיין פערלאַנג איז — חתונה צו האָבּען מיט זיין טאָכטער — ער (דער פּעטער) האָט איצטער דערהערט וואָס זיין בּרודער'ס זוהן'ס בּאַגער איז געוועזען און וואָס ער האָט דערמיט געמיינט, האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט אויף די שבועה וואָס ער האָט געשוואוירען, נאָר דאָך האָט ער גערעכענט זיך צולאָזען די שבועה מתיר זיין און אַבּי עס זאָל ווידער נישט געהן אַ'נפש פון דער וועלט. ער האָט צו איהם געזאָגט: אַלעס אין דערוועלט וועל איך דיר צוליעבּ טהוען נאָר דאָס איינע ווי חתונה צו האָבּען מיט מיין טאָכטער — נישט, ווייל איך וויל נישט איינשטעלען דיך, נאָר איך וועל דיר געבּען וואָס דיין הארץ נאָר געליסט און אַבּי שלאָג דיר דאָס פונ'ם קאָפּ אַרויס. ער האָט נישט געוואָלט הערען קיין איינרעדעניש און ער האָט זיך געהאַלטען בּיי זיינס „דער פּעטער האָט געשוואוירען וועט נישט געהן פערלוירען". ער — דער פּעטער — האָט געזעהען אַז ער וועט מיט איהם גאָר נישט מאַכען, ס'איז פערפאַלען ער וועט איהם מוזען צוליעבּ טהוען איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיין טאָכטער אין צימער אַריין און ער האָט איהר אַלסדינג דערצעהלט. זי האָט זיך שטאַרק פונאַנדער געוויינט און האָט געזאָגט. רבּונו של עולם איך בּעהט דיך טהו מיר צוליעבּ און זאָל ער חאָטש שוין בּלייבּען לעבּען און זאָל אויף איהם נישט זיין אויסגעגאָסען דער צאָר'ן פון מיינע געוועזענע מענער. ער דער פאָטער איהרער האָט מיט איהר צוזאַמען מיט געוויינט און זיי האָבּען איינגעווילינט צום בּחור'ס פערלאַנג.

זיי זענען געוואָרען „חתן כלה" און האָבּען אין אַ קורצע צייט דערנאָך — חתונה געהאַט. דער עושר האָט געמאַכט אַ גרויסאַרטיגע סעודה פאַר אַלע, אַלטע חשובע לייט פון זיין שטאָדט און זיי האָבּען זיך שטאַרק געפרייט.

בעת ווען דער חתן איז געגאַנגען צו די חופּה איז צו איהם צוגעקומען אַ'אַלטער גרויער מאַן, דאָס איז געוועזען אליהו הנביא ז"ל און האָט צו איהם געזאָגט: בּעת די יעסט זיצען און עסען וועט צו דיר צוקומען אַן'אָרימאַן, אַז דו וועסט איהם דערזעהען זאָלסטו איהם צו דיר צו רופען, איהם זעצען נעבּען דיר און זאָלסט איהם געבּען צו עסען און צו טרינקען וויפיעל ער וועט נאָר אַליין וועלען. אַז דו וועסט אַזוי טהוען וועט דיר גאָט העלפען.

דער אלטער גרויער מאנן איז פערשוואונדען געווארען און דער חתן האט זיך א נידער געזעצט עססען צווישען עולם. באלד ווי מען האט אנגעהויבען עססען איז ארײן געקומען אנ'ארימאן און דער חתן האט איהם שטארק מקרב געוועזען, אזוי ווי ער האט פריהער צוזאגט. נאכ'ן עססען האט דער ארימאנן געבעטען דעם חתן אז ער זאל מיט איהם ארײן געהן אין א באזונדערען צימער, און זיי זענען ארײן געגאנגען.

הער אוים מײן קינד — האט דער ארימאנן צום חתן געזאגט — איך בין א שליח פונ'ם אויבערשטען, און בין געקומען דיר צונעמען יעצט דײן נשמה. איך בעהט דיך — האט דער חתן צום ארימאנן געזאגט — גיעב מיר צײט א יאהר אדער לכל הפחות א האלב יאהר אום איך זאל מיך קענען פרײען מיט מײן ווײב. נײן האט ער איהם געענטפערט. ניעב מיר — האט זיך דער חתן ווידער בײם ארימאנן געבעטען — חאטש לכל הפחות די שבעת ימי המשתה מנוחה צו לעבען. נײן האט ער איהם ווידער געענטפערט: אפילו א טאג וועל איך [illegible] אויך נישט געבען ווארום שוין לאנג איז געקומען דײן צײט צו שטארבען. — הקיצור ער האט זיך אפגעבעטען אז ער זאל איהם ערלויבען ארײן צו געהן זיך געזעגענען מיט זײן ווײב און פון איהר רשות געמען, און ער האט דאס איהם — ערלויבט.

קײן מענטשליכע פעדער איז גאר נישט אומשטאנד צום בעשרײבען ווי די אינערליכקײט פון זײן ווײב מיט איהרע עלטערענס הערצער האט אויסגעזעהען; ווארום ווען ער האט געוואלט ארײן געהן אין זײן ווײב'ס צימער, האט ער געטראפען — א פערשלאסענע טהיר. — פאר וואס די טהיר איז געוועזען פארשלאסען און וואס זי האט אנוועהנונג געטהוען איז זיך לײכט פארצושטעלען. ווארום ווי אלײן שוין פערשטענדליך איז, איז זי אינוועהנונג אײנצ אלײן געזעסען און האט מיט שטארקע הײסע טרעהרען געוױינט און געבעטען בײם רבונו של עולם אויף איהר יעצטיגען מאנן, אז זײן גורל זאל חלילה נישט זײן אזוי ווי איהרע געוועזענע דרײ מענער'ס גורל. אין די זעלבע צײט וואס זי איז מיט איהרע הײסע טרעהרען געוועזען בעגאססען האט זי דערהערט דעם קלאפ אין די טהיר און זי האט די טיהר געעפינט.

דערזעהענדיג איהר מאנן, איהר יעצטיגען מאנן וואס געגונ גרויסע נסים ברויך זי צו האבען אז ער זאל „איהר מאנן פערבלײבען" און זי זאל זיך מיט איהם קענען פרײהען. איז זי מיט א שטארקען אימפעט אויף איהם ארויף געפאלען און מיט ברענענדע — אויסגעמישט פון גרויסע שמערצליכע לײדען און קלײנע טיעף פער-בארגענע פרײדען — קושען האט זי איהם זײן פנים בעדעקט.

נאר באלד האט זי א ציטער געגעבען.

ער האט איהר דערצעהלט: הער אוים מײן ווײב: איך מוז זיך מיט דיר שײדען! און שײדען זיך מאכי אויף אײביג ווארום א מלאך אלקים איז דא און ווארט אויף מײן נשמה, ער וויל מיר צונעמען מײן נשמה וועלכע איז שטענדיג

געווען פיעל מיט שמערצליכע ליידען וואס קיינמאהל האט זי פון קיין נחת נישט געוויסט; די נשמה וואס האט יעצט געוואלט אנהייבען בליהען, זיך אביסעל דער־פרישען און עפּיס גוטס אויף דער וועלט צוטהוען; די נשמה, די זעלבע וואס האט יעצט געוואלט דיר דיין און אויך מיין לעבען זיס מאכען; די נשמה וועלכע איז שוין פון לאנג דורשטיג עפּיס א טובה צוטהוען פאר איינענע אָרימע קראנקע עלטערען. אה ווי גרויס איז מיין אומגליק מיין! שרעקליך אומגליק! נאר פערפאלען „אז מען רופט מוז מען געהן״ — איך וויל זיך מיט דיר געזעגענען ווארום עס איז שוין שפּעט.

די טהאלען וועל איך מיט מיינע טרעהרען פאר ימים מאכען, און אין א ים פון טרעהרען, איינענע בלוטיגע טרעהרען וועל איך מיין זינדיגע זעעלע באדען; איך וועל טהוען כל׳ע ההתפעלות אין דערוועלט און אבי דיר נישט צו פערלירען. דו וועלכער האסט מיין הארץ פערנומען; דו, וועלכער ביזט ווערטה גרעסערע גליקען אויף דיין לעבען צו האבען; דו יונגער שעהנער בוים! — וואס שמעקענדע, זיסע און גוטע פירות קענען פון דיר זיין! דו וועסט נישט צוליעב מיר פון דער וועלט געהן.

זי האט זיך פון איהם ארויסגעריסען און איז אריין געלאפען אין דעם זעלבען צימער ווי דער „מלאך אלקים (דער [illegible]) איז געזעסען און האט מיט אונגעדולד אויסגעווארט דעם חתן׳ס אריין קומען.

— נישט דיר מיין איך שעהנע בלום, נישט דיר, דו קענסט נאך לעבען אויף דער וועלט, דיין חתן מיין איך.

— מיין חתן מיינסטו? מיין גליק מיינסטו! מיין לעבען מיינסטו! מיין גשמה מיינסטו! מיינע עלטערענס לעבען מיינסטו! — מיר זאגסטו איז נאך דא צייט, ווארום צו קען איך דען בלייבען לעבען און זעהען ווי די ווילסט מיר מיין עוויג גליק רויבען?!

זיי וויסען אז דו מוזט מיט דעם וואס דו ביזט געקומען — אוועקגעהן, מיין גליק וויל נישט און וועט מיט דיר יעצט נישט אוועקגעהן, דו האסט נישט דאס רעכט צו בארויבען מיין גליק!

ווער האט דיך דא אהער געשיקט — גיי, נעה און זאג איהם אז אין זיין הייליגער תורה שטייט: „כי יקח איש אשה חדשה וכו׳ ושמח את אשתו אשר לקח״ (אז איינער האט חתונה מיט א ווייב און אין שטאדט האלט ביים ווערען א מלחמה, זאל ער אין די מלחמה נישט געהן, זיין זאל ער ביי זיך אין דער היים, פרייען זאל ער זיך מיט זיין ווייב) און ער און זיין תורה זענען וואהר, דאריבער זאלסטו מיר מיין גליק נישט שטעהרען אויף א האהר! און די הייליגע תורה פאדערט נישט אזוי; דו הערסט וואס איך רעד צו דיר! אומפאלל עס איז פאר דיר דאס אלעס וויניג, קום ושע מיט „מיר״ צום „בית דין הגדול״ זאלען זיי פסק׳נען הייליג, אדרבא זאלען

זײ מיר געבען א פסק, זאלען זײ זאגען צו בעדארף מײן גליק נאך אלץ ווערען אפ געהאקט.

אירע בלוטיגע טרעהרען האבען זײער ציעל דערגרייכט. גאט האט געהייסען דעם „מלאך אלקים" אװעקגעהן און ער איז אװעקגעגאנגען.

זי איז אריין געגאנגען צו איהר מאנן, האט איהם אלעם איבערגעגעבען, און אין יענע נאכט האבען זײ אנגעהױבען פיהרען — א יודיש פאמיליען לעבען.

# ענדע



אלהים אלהינו
כל אפסי ארץ

# סדר ספירת העומר

א. בכל לילה יכוין באמרו השם הויה שהוא שם של מ"ה כזה יו"ד ה"א וא"ו ה"א:
ב. בכל לילה יכוין באמרו ספירת העומר שר"ת שלו בגימטריא אדני:
ג. בכל לילה יכוין באמרו היום שגימטריא של יום עולה נ"ז עם הכולל כמנין אל הוי"ה:
ד. בכל לילה יכוין לספירה של אותו הלילה ולתיבה אחת של אנא בכח, ותיבה אחת של מזמור אלהים יחננו, ואות אחת מפסוק ישמחו:

**לשם** יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה בדחילו ורחימו ליחד שם י"ה בו"ה ביחודא שלים בשם כל ישראל, הנני מוכן ומזומן לקיים מצות עשה של ספירת העומר כמו שכתוב בתורה וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה. עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום והקרבתם מנחה חדשה ליהוה. ויהי נועם אדני אלהינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו:

## ברוך אתה יהוה יאהדונהי (יוד הא ואו הא) אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על ספירת העומר:

## היום יום אחד לעומר: חסד שבחסד אנא אלהים י

הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו אמן סלה:

**למנצח** בנגינות מזמור שיר. אלהים יחננו ויברכנו יאר פניו אתנו סלה. לדעת בארץ דרכך בכל גוים ישועתך. יודוך עמים אלהים יודוך עמים כלם. ישמחו וירננו לאמים כי תשפוט עמים מישור ולאמים בארץ תנחם סלה. יודוך עמים אלהים יודוך עמים כלם. ארץ נתנה יבולה יברכנו אלהים אלהינו. יברכנו אלהים וייראו אותו כל אפסי ארץ:

| | |
|---|---|
| אנא בכח גדלת ימינך תתיר צרורה. | אב"ג ית"ץ |
| קבל רנת עמך שגבנו טהרנו נורא. | קר"ע שט"ן |
| נא גבור דורשי יחודך כבבת שמרם. | נג"ד יכ"ש |
| ברכם טהרם רחמי צדקתך תמיד גמלם. | בט"ר צת"ג |
| חסין קדוש ברוב טובך נהל עדתך. | חק"ב טנ"ע |
| יחיד גאה לעמך פנה זוכרי קדשתך. | יג"ל פז"ק |
| שועתנו קבל ושמע צעקתנו יודע תעלומות. | שק"ו צי"ת |

ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד:

**רבונו** של עולם אתה צויתנו על ידי משה עבדך לספור ספירת העומר כדי לטהרנו מקליפותינו ומטומאותינו כמו שכתבת בתורתך וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה, עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום. כדי שיטהרו נפשות עמך ישראל מזוהמתם. ובכן יהי רצון מלפניך יהוה אלהינו ואלהי אבותינו שבזכות ספירת העומר שספרתי היום יתקן מה שפגמתי בספירה (פלוני השייך לאותו הלילה) ואטהר ואתקדש בקדשה של מעלה ועל ידי זה ישפע שפע רב בכל העולמות ולתקן את נפשותינו ורוחותינו ונשמותינו מכל סיג ופגם ולטהרנו ולקדשנו בקדשתך העליונה אמן סלה:

היום שני ימים לעומר ש
יחננו בכח גבורה שבחסד

היום שלשה ימים לעומר מ
ויברכנו גדלת תפארת שבחסד

היום ארבעה ימים לעומר ח
יאר ימינך נצח שבחסד

היום חמשה ימים לעומר ו
פניו תתיר הוד שבחסד

היום ששה ימים לעומר ו
אתנו צרורה יסוד שבחסד

היום שבעה ימים שהם שבוע אחד לעומר י
סלה אב"ג ית"ץ מלכות שבחסד

# סדר ספירת העומר

היום שמונה ימים שהם שבוע אחד ויום
אחד לעומר ר
לדעת קבל חסד שבגבורה
היום תשעה ימים שהם שבוע אחד ושני
ימים לעומר צ
בארץ רנת גבורה שבגבורה
היום עשרה ימים שהם שבוע אחד ושלשה
ימים לעומר צ
דרכך עמך תפארת שבגבורה
היום אחד עשר יום שהם שבוע אחד
וארבעה ימים לעומר ו
בכל שגבנו נצח שבגבורה
היום שנים עשר יום שהם שבוע אחד
וחמשה ימים לעומר ל
גוים טהרנו הוד שבגבורה
היום שלשה עשר יום שהם שבוע אחד
וששה ימים לעומר א
ישועתך נורא יסוד שבגבורה
היום ארבעה עשר יום שהם שני שבועות
לעומר מ
יודוך קר״ע שט״ן מלכות שבגבורה
היום חמשה עשר יום שהם שני שבועות
ויום אחד לעומר י
עמים נא חסד שבתפארת
היום ששה עשר יום שהם שני שבועות
ושני ימים לעומר ם
אלהים גבור גבורה שבתפארת
היום שבעה עשר יום שהם שני שבועות
ושלשה ימים לעומר כ
יודוך דורשי תפארת שבתפארת
היום שמונה עשר יום שהם שני שבועות
וארבעה ימים לעומר י
עמים יחודך נצח שבתפארת
היום תשעה עשר יום שהם שני שבועות
וחמשה ימים לעומר ת
כלם כבבת הוד שבתפארת
היום עשרים יום שהם שני שבועות
וששה ימים לעומר ש
ישמחו שמרם יסוד שבתפארת
היום אחד ועשרים יום שהם שלשה
שבועות לעומר פ
וירננו נג״ד יכ״ש מלכות שבתפארת
היום שנים ועשרים יום שהם שלשה
שבועות ויום אחד לעומר ו
לאמים ברכם חסד שבנצח

היום שלשה ועשרים יום שהם שלשה
שבועות ושני ימים לעומר ט
כי טהרם גבורה שבנצח
היום ארבעה ועשרים יום שהם שלשה
שבועות ושלשה ימים לעומר ע
תשפוט רחמי תפארת שבנצח
היום חמשה ועשרים יום שהם שלשה
שבועות וארבעה ימים לעומר מ
עמים צדקתך נצח שבנצח
היום ששה ועשרים יום שהם שלשה
שבועות וחמשה ימים לעומר י
מישור תמיד הוד שבנצח
היום שבעה ועשרים יום שהם שלשה
שבועות וששה ימים לעומר ם
ולאמים גמלם יסוד שבנצח
היום שמונה ועשרים יום שהם ארבעה
שבועות לעומר מ
בארץ בט״ר צת״ג מלכות שבנצח
היום תשעה ועשרים יום שהם ארבעה
שבועות ויום אחד לעומר י
תנחם חסין חסד שבהוד
היום שלשים יום שהם ארבעה שבועות
ושני ימים לעומר ש
סלה קדוש גבורה שבהוד
היום אחד ושלשים יום שהם ארבעה
שבועות ושלשה ימים לעומר ו
יודוך ברוב תפארת שבהוד
היום שנים ושלשים יום שהם ארבעה
שבועות וארבעה ימים לעומר ר
עמים טובך נצח שבהוד
ל״ג בעומר היום שלשה ושלשים יום שהם ארבעה
שבועות וחמשה ימים לעומר ו
אלהים נהל הוד שבהוד
היום ארבעה ושלשים יום שהם ארבעה
שבועות וששה ימים לעומר ל
יודוך עדתך יסוד שבהוד
היום חמשה ושלשים יום שהם חמשה
שבועות לעומר א
עמים חק״ב טנ״ע מלכות שבהוד
היום ששה ושלשים יום שהם חמשה
שבועות ויום אחד לעומר מ
כלם יחיד חסד שביסוד
היום שבעה ושלשים יום שהם חמשה
שבועות ושני ימים לעומר י
ארץ גאה גבורה שביסוד

# סדר ספירת העומר

היום שמונה ושלשים יום שהם חמשה
שבועות ושלשה ימים לעומר ם
נתנה לעמך תפארת שביסוד

היום תשעה ושלשים יום שהם חמשה
שבועות וארבעה ימים לעומר ב
יבולה פני נצח שביסוד

היום ארבעים יום שהם חמשה שבועות
וחמשה ימים לעומר א
יברכנו זוכרי הוד שביסוד

היום אחד וארבעים יום שהם חמשה
שבועות וששה ימים לעומר ר
אלהים קדושתך יסוד שביסוד

היום שנים וארבעים יום שהם ששה
שבועות לעומר ץ
אלהינו יג״ל פז״ק מלכות שביסוד

היום שלשה וארבעים יום שהם ששה
שבועות ויום אחד לעומר ת
יברכנו שועתנו חסד שבמלכות

היום ארבעה וארבעים יום שהם ששה
שבועות ושני ימים לעומר נ
אלהים קבל גבורה שבמלכות

היום חמשה וארבעים יום שהם ששה
שבועות ושלשה ימים לעומר ח
וייראו ושמע תפארת שבמלכות

היום ששה וארבעים יום שהם ששה
שבועות וארבעה ימים לעומר ם
אותו צעקתנו נצח שבמלכות

היום שבעה וארבעים יום שהם ששה
שבועות וחמשה ימים לעומר ס
כל יודע הוד שבמלכות

היום שמונה וארבעים יום שהם ששה
שבועות וששה ימים לעומר ל
אפסי תעלומות יסוד שבמלכות

היום תשעה וארבעים יום שהם שבעה
שבועות לעומר ה
ארץ שק״ו צי״ת מלכות שבמלכות

---

**כתב** בס׳ שבט מוסר (פל״א) כל האומר מזמור למנצח בנגינות מזמור שיר בצורת המנורה בכל יום בהנץ החמה, לא יקרה לו שום מקרה רע, ונחשב לפני הקב״ה כאלו הוא מדליק נרות בבית המקדש. ובס׳ מנורת המאור כ׳ לאומרה בימי העומר כששליח ציבור אומר ברכת הכהנים יאמר היחיד למנצח בנגינות מזמור שיר עד אפסי ארץ. ויצליח במעשיו (אגרת הרמב״ן) ויסתכל בצורת המנורה ולא יהא ניזוק כל היום וכו׳ וכל האומרו ז׳ פעמים בדרך ויכוין בו יכלך לשלום ולהצלחה. וטוב שכל אדם יסתכל בו קודם צאתו לדרך ובדרך יתפלל אותו כאמור ;

# מספר שירי קודש מהרב ר' צבי מושקביטש שליט"א

בכל הטוב זה השיר (ספרי פ' ראה)

[והובא ברש"י סוכה (מ"ז ע"ב)]

אית היכלא דנגונא דלית לה רשות למפתח אלא בנגונא. (תיזוה"ק)

## שיר בר יוחאי

להרב המקובל אלקי רבי שמעון לביא זצוק"ל בעמח"ס כתם פז, מנו"כ בעיר טריפולי.

בר יוחאי נמשחת אשריך שמן ששון מחבריך:

מלכות בר יוחאי שמן משחת קדש. נמשחת ממדת הקדש. נשאת ציץ נזר הקדש. חבוש על ראשך פארך: בר יוחאי

יסוד בר יוחאי מושב טוב ישבת. יום נסת יום אשר ברחת, במערות צורים שעמדת. שם קנית הודך והדריך: בר יוחאי

נצח הוד בר יוחאי עצי שיטים עומדים. למודי יי הם לומדים. אור מופלא אור היקוד הם יוקדים, הלא המה יורוך מורך: בר יוחאי

תפארת בר יוחאי ולשדה תפוחים, עלית ללקוט בו מרקחים, סוד תורה כציצים ופרחים, נעשה אדם נאמר בעבוריך: בר יוחאי

גבורה בר יוחאי נאזרת בגבורה, ובמלחמת אש דת השערה, וחרב הוצאת מתערה שלפת נגד צורריך: בר יוחאי

חסד בר יוחאי למקום אבני שיש, הגעת ופני אריה ליש, גם גולת כותרת על עיש, תשורי ומי ישוריך: בר יוחאי

בינה בר יוחאי בקדש הקדשים, קו ירוק מחדש חדשים, שבע שבתות סוד חמשים, קשרת קשרי שין קשריך: בר יוחאי

חכמה בר יוחאי יוד חכמה קדומה, השקפת לכבודה פנימה, ל"ב נתיבות ראשית תרומה, את כרוב ממשח זיו אורך: בר יוחאי

כתר בר יוחאי אור מופלא רום מעלה, יראת מלהביט כי רב לה, תעלומה ואין קורא לה, נמת עין לא תשורך: בר יוחאי

בר יוחאי אשרי יולדתך, אשרי העם הם לומדך, ואשרי העומדים על סודך, לבושי חשן תמיך ואוריך:

בר יוחאי נמשחת אשריך שמן ששון מחבריך:

[ואשרי הנוסעים על ציונך, ולומדים שם מאמריך.]

**ואמרתם כה לחי. רבי שמעון בן יוחאי:**
**ואמרתם כה לחי. אדוננו בר יוחאי:**

**איש אלהים קדוש הוא. אשרי עין ראתהו. לב חכם ישכיל פיהו.**
**אדוננו בר יוחאי:**

ברוך הוא מפי עליון. קדוש הוא מהריון. מאור גליל העליון.
**אדוננו בר יוחאי:**

גבור ואיש מלחמה. בדת תורה תמימה. מלא מדע וחכמה.
**אדוננו בר יוחאי:**

דרש כל תעלומות. בעוז ותעצומות. עלה מעלות רמות.
**אדוננו בר יוחאי:**

הוחבא בתוך מערה. מפני הגזרה. שם למד סתרי תורה.
**אדוננו בר יוחאי:**

ושם נברא מעין לו. וחרוב למאכלו. מה טוב חלקו וגורלו.
**אדוננו בר יוחאי:**

זכר צדיק לברכה. דין ריכא ובר ריכא. זכה ורבים זיכה.
**אדוננו בר יוחאי:**

חידש כמה הלכות. הם במשנה ערוכות. זה המרגיז ממלכות.
**אדוננו בר יוחאי:**

טהר את עיר טבריה. עשה אותה נקיה. הודו לו משמיא.
**אדוננו בר יוחאי:**

ידע כל הנסתרות. דבריו עושים פירות. ביטל כמה גזירות.
**אדוננו בר יוחאי:**

כל ימיו אשר חיה. אות הקשת לא נהיה. כי הוא אות עולם היה.
**אדוננו בר יוחאי:**

לכל ישראל האיר. בסוד תורה הבהיר. כאור החמה מזהיר.
**אדוננו בר יוחאי:**

מקום בחר בשמיא. עם הנביא אחיה. זה מבני עליה.
**אדוננו בר יוחאי:**

נחמד מאוד למעלה. זכה ליקר וגדולה. סתר עליון לו נגלה.
**אדוננו בר יוחאי:**

סיני סיני לו נקרא. ארי שבחבורה. ממנו תצא תורה.
**אדוננו בר יוחאי:**

עשה שבעים תקונים. יקרים מפנינים. בם תיקן העליונים.
**אדוננו בר יוהאי:**

פתח את פיו בחכמה. הוציא אור תעלומה. תיקן זהרי חמה.
**אדוננו בר יוחאי:**

צדיק יסוד העולם. גלה מדרש הנעלם. יכול לפטור העולם.
**אדוננו בר יוחאי:**

קולו זימר עריצים. והכרית את הקוצים. והציל הלחוצים.
**אדוננו בר יוחאי:**

## ענף עץ אבות

ראה פניו מאירים. בשבתו עם חברים. עת גלה סוד נסתרים.

אדוננו בר יוחאי:

שלום רב על משכבו. מה יפיו ומה טובו. דובר אמת בלבבו.

אדוננו בר יוחאי:

תורתו מגן לנו. היא מאירת עינינו. הוא ימליץ טוב בעדינו.

אדוננו בר יוחאי:

ואמרתם כה לחי. רבי שמעון בר יוחאי:

ואמרתם כה לחי. אדוננו בר יוחאי:

שיר לכבוד התנ"א רבי עקיב"ה רבו דרשב"י זיע"א.

אמר ר' עקיבא אשריכם ישראל, אשריכם, אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים ,אביכם שבשמים, ואומר ואומר, מקוה ישראל ה'. מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקב"ה מטהר את ישראל: (יומא פ"ה)

אמר רבי עקיבא לרבי שמעון דייך, שאני ובוראך מכירין כחך.

[ירושלמי סנהדרין פ"א ה"ב]